DEC 20 1919
THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
N. Y. Public Library 476 Fifth Ave.

THE HEBREW JOURNAL

A JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over Canada And Abroad

דער אידישער זשורנאל

האט איר שוין א קליינע סייף ביי אייך אין הויז? אויב ניט קומט אריין און נעמט איינע פריי — עפענט אן אקאונט בלויז מיט איין דאלאר

VOLUME VI No 2559 Toronto Tuesday December 16 1919 · כד כסליו פרשה מקץ תרפ. · דינסטאג דער 16-טער דעצעמ. 1919. · PRICE TWO CENTS

סיטי קאנסיל וויל ניט צווינגען שטעלען פאקען

אידישע קאפיטאליסטען פון ענגלאנד גרינדען גרויסע פאבריקען אין פוילען

ענגלישע רעגיערונג וועט שיקען רויהע מאטעריאלען. — סער סטיוארט סעמיועל ארגאניזירט א גרויסען סינדיקאט. — באארד אוו דעפיוטיס מאכט פאר איהר אן אפיציעלע אויפנאהמע. — אנדערע אידישע נייעס.

(אינט. איד. פרעס ביורא.)

ניו יארק, דעצעמבער, 15.

א ידיעה וואס איז דא ערהאלטען געווארען פון לאנדאן, גיט איבער, דאס סער סטיוארט סעמיועל, דער שליח וועמען די ענגלישע רעגיערונג האט געשיקט אלס פארשטעהער פון א קאמיסיע קיין פוילען צו אונטערזוכען די פאגראמען האלט איצט אין אויסארבייטען א פלאן צו גרינדען א סינדיקאט פון אידישע קאפיטאליסטען אויפצושטעלען גרויסע פאבריקען אין פוילען וואו עס זאלען באשעפטיגט ווערען אין די טויזענטער אידישע ארבייטער.

מוזען בייטען די שטעלונג צו אידען

עס ווערט געמעלדען דאס סער סטיוארט סעמיועל האט ערקלעהרט ביי א מיטינג אין פאריז דאס ער האט געווארענט פאדערעווסקי'ן און פילסודסקי'ן, דאס פוילען וועט קיינמאל ניט ווערען שטארק און מעכטיג ביז זי וועט ניט בייטען איהר פיינדליכע שטעלונג צו אידען.

וויל בויען שפיטאלען און חדרים.

דער פלאן פון סער סטיוארט סעמיועל איז אויסצובויען גאנצע אידישע קאלאניעס מיט גרויסע פאבריקען. אבער א חוץ די פאבריקען וועלען אויך געבויט ווערען אידישע שולען און חדרים, שפיטאלען און אלע אנדערע נויטיגע באקוועמליכקייטען וואס מוזען זיך געפינען אין אידישע ישוב'ן.

ענגלישע רעגיערונג וועט שיקען מאטעריאלען

די ידיעה גיט אויך איבער דאס סער סטיוארט סעמיועל פיהרט שוין אונטערהאנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגיערונג וועגען שיקען רויהע מאטעריאלען פאר אזעלכע פאבריקען. די גאנצע אינדוסטריע וועט זיך געפינען אונטער דער קאנטראלע און פיהרערשאפט פון אידישע ארבייטער און פארוואלטער. דער פלאן איז צו פיהרען די פאבריקען אויף זעהר א גרויסען מאסשטאב וואס עס זאל קאנען נעגעבען ווערען ארבייט צו צעהנדליגע טויזענדער אידישע ארבייטער.

גוטע אויסזיכטען אויף אידישע רעכטע אין רומעניען און פוילען.

א ידיעה מעלדעט דאס לוסיען וואלף האט ערקלעהרט ביי א מיטינג פון דער באארד אוו דזשואיש דעפיוטיס דאס די אויסזיכטען אויף אידען רעכטע אין רומעניען און פוילען זענען גאנץ גוטע.

וועט העלפען אידישער איינוואנדערונג

ביים מיטינג פון דער באארד אוו דעפיוטיס איז באריכטעט געווארען דאס סעקרעטאר פון אינערליכע ענינים האט פארשפראכען דאס אין דעם „עליען” ביל וואס איז אנגענומען געווארען ארויפצולייגען פארשיעדענע גזרות אויף דער אויסלענדישער באפעלקערונג, וועלען געמאכט ווערען זעהר וויכטיגע קאנצעסיעס פאר די אידישע אימיגראנטען.

אנגלא - דזשואיש אסס'ן לייקענט באלשעוויזם.

ביי א מיטינג פון דער אנגלא - דזשואיש אסאסיאיישאן אין לאנדאן איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע אפלייקענדיג דאס די אידען זענען באלשעוויסטיש געשטימט.

סער פיליפ מאגנעס האט געהאלטען א רעדע און אויסגעדריקט די האפנונג דאס די אידען וועלען אריינגענומען ווערען אין דער נאציאנען ליגע.

דער פראצעס פון די ברידער פאלסקי אין קיעוו

ווי „דאס אידישע פאלק” פון ווארשא מעלדעט איז אין קיעלצער קרייז-געריכט צום צווייטען מאל בעטראכט געווארען דער פראצעס פון די ברידער פאלסקי, וועלכע ווערען בעשולדיגט, אז אין דער נאכט פון 2-טען אויפ'ן 3-טען מאי, ד. י. האבען זיי זיך געווארפען אויפ'ן וועכטער פון די אויטאמאביל - גאראזשען אזטער מיעכאוו, טארנאווסקי, און איהם פערוואונדעט. טארנאווסקי איז שפעטער פון די וואונדען געשטארבען.

פערטיידיגט די בעשולדיגטע האט ה' נח פרילוצקי. דער קריסטליכער אדוואקאט פון לובלין, וועלכער האט פערטיידיגט די בעשולדיגטע ביים ערשטען פראצעס, האט זיך דאס מאל אבגעזאגט פון דער פערטיידיגונג.

דאס געריכט האט עזריאל פאלסקי פערמשפט צום טויט, פייוויל פאלסקי — אויף אייביגע טורמע און אברהם פאלסקי (עזריאל'ס זוהן) בעפרייט.

מ'שמועסט אז דער אורטייל איז געווען א צוגעגרייטער; ווען מען זאל נישט ארויסגעבען דעם אורטייל וואלט אין קיעלץ און אין מיעכאוו אויסגעבראכען א צווייטער פאגראם.

אויפ'ן אורטייל איז אנגעגעבען געווארען א קאסאציע קיין לובלין.

ווילען ווארטען אויף אמעריקאס ווארט וועגען טערקיי

קאנסטאנטינאפאל אן אינטערנאציאנאלער שטאאט.

פאריז, דעצ., 15.

גוט אינפארמירטע קרייזען האבען היינט ערקלעהרט דאס ביים דריי טאגיגען קאנפערענץ וואס איז געהאלטען געווארען צווישען די פרעמיערס קלעמאנסאו לאיד דזשארדזש און איטאליענישע פארטרעטער איז קיין באשטימטער באשלוס ניט אנגענומען. עס איז געהאנדעלט געווארען וועגען רוסלאנד, וועגען טערקיי, וועגען דער אדריאטישער פראגע, אבער עס איז באשלאסען געווארען אפצולייגען די אלע פראגען ביז יענער צייט ווען אמעריקא וועט קאנען זאגען איהר ווארט. עס איז אויך ערקלעהרט געווארען דאס עס זענען פארהאן אלע אויסזיכטען אז די אמעריקאנישע רעגיערונג וועט גאר אין גיכען זיין אין לאגע צו קאנען זיך ביטייליגען אין אלע פראגען.

מאכען הנחות פאר אמעריקא.

ליווערפול, דעצ., 15.

די „פאסט” האט ערקלעהרט דאס ביים קאנפערענץ צווישען די פרעמיערס קלעמאנסאו און לאיד דזשארדזש איז אנגענומען געווארען א באשלוס צו אינטערנאציאנאליזירען די שטאט קאנסטאנטינאפאל.

די „פאסט” זאגט אויך, דאס איצט וועט זיין צוגענגליכער פאר אמעריקא צו באטייליגען זיך אין דער אדמיניסטראציע פון דער שטאט, אויב זי האט ניט געוואלט אייניג אליין איבערנעהמען דעם אם ביות וועט זי אבער ניט האבען דאגעגען אז אלע צוזאמען זאלען זי פארוואלטען.

אוקראינער אידען קלייבען היינט אויס א שליח צו פאהרען אין אוקראינע

אלע אוקראינער אידען קאנען קומען אין ציוניסטישען אינסטיטוט אפגעבען זייערע שטימען פאר די קאנדידאטען. — די אויפגאבע פון דער קאמיסיע.

היינט 7.30 אין אווענט וועט אין ציוניסטישען אינסטיטוט, בעווערלי קארנער סיסעל סט. אפגעהאלטען ווערען וואהלען פאר א שליח צו פאהרען אין אוקראינע אלס פארטרעטער פון די קענעדער אידען.

טאראנטא וועט אויסקלייבען איינעם פון די דריי שלוחים וואס וועלען פאהרען פון קענעדע. די אנדערע צוויי וועלען זיין איינער פון מאנטרעאל און דער צווייטער פון וויניפעג. אין יענע שטעדט עקזיסטירען בראנטשעס פונ'ם אוקראינער פערבאנד און זיי ערוועהלען די שלוחים.

וואהל מוז היינט פארקומען.

די היגע פארבאנד בעאמטע גיבען איבער דאס זיי האבען געקראגען א ידיעה פון מאנטרעאל אז די רעגיערונג וויל גלייך וויסען די נעמען פון די פערזאנען וואס וועלען צוזאמענשטעלען די קאמיסיע כדי עס זאל אויסגעמאכט ווערען פאר זיי פאספארטען און דער לעצטער טאג איז היינט. די וואהלען וועלען דארום געהאלטען ווערען היינט נאכט און דער נאמען פונ'ם ערוועהלטען וועט גלייך טעלעגראפירט ווערען נאך מאנטרעאל.

צוליעב דער קורצקייט פון דער צייט איז ניט מעגליך געווען פריהער צו באשטימען ווער די קאנדידאטען זאלען זיין. די עקזעקוטיווע פונ'ם פארבאנד האט דארום באשלאסען ביי א מיטינג זונטאג ביינאכט צו מאכען אן עפענטליכע וואהל. יעדער איינער וואס פיהלט זיך פעהיג און וויל פאהרען קאן קומען און זיך פארשלאגען אלס קאנדידאט צו זיין דער שליח פון טאראנטא.

אויך איז אנאנסירט געווארען דאס יעדער איד, מאן אדער פרוי, וואס איז געבוירען געווארען אין דער אוקראינע קאן קומען און אפגעבען א שטימע פאר דעם קאנדידאט, וואס ער אדער זי רעכנט צו זיין דער פאסענסטער.

וואס דער שליח וועט טון.

ווי די פארשטעהער פון היגען פארבאנד גיבען איבער וועט די אויפגאבע פון דער קאמיסיע זיין צו באזוכען יעדעס שטעדטעל פון אוקראינע און אויסגעפינען דעם שיקזאל פון די דארטיגע אידען.

די קאמיסיע וועט מיטפיהרען גרויסע צו די אוקראינער אידען וואס היגע קרובים וועלען מיט זיי מיטשיקען. די קאמיסיע וועט אויך האבען די אויפגאבע אויסצוגעפינען ווער עס לעבט, און ווער ניט. ווער עס נויטיגט זיך אין הילף און ווער ניט. זיי וועלען ארויפנעהמען אויף א צעטעל אלעמענס נעמען און דאס איבערגעבען צום היגען פארבאנד.

דער פלאן איז אויך דאס די קאמיסיע זאל אליין באשטימען אין יעדער געגענד פאראנטווארטליכע פערזאנען צו וועמען געלט זאל קאנען געשיקט ווערען און ווער עס זאל דאס איבערגעבען צו די נויטבאדערפטיגע פערזאנען.

גרינדען א צענטראל קאמיסיע.

דער פלאן איז אויך דאס אין א געוויסער אוקראינישער שטאדט זאל געגרינדעט ווערען א צענטראל קאמיטע פון די אלע קאמיסיעס וואס וועלען קומען פון די פארשיעדענע לענדער.

עס איז שוין זיכער דאס אן אוקראינער קאמיסיע פאהרט ארויס אין נאמען פון די אמעריקאנער אידען. א קאמיסיע וועט אויך געשיקט ווערען פון ענגלאנד, און אז די אלע קאמיסיעס וועלען זיך צוזאמענקומען אין א געוויסער שטאדט און דארטען פארמירען א פאראייניגטען קאמיטעט וואס וועט אפשר אנפיהרען די גאנצע הילפס ארבייט אין נאמען פון אלע אידען.

קאמיסיע וועט מיטנעהמען געלט צו קרובים.

די היגע פארבאנד בעאמטע זענען אבער אויך מיט דער מיינונג דאס די קענעדער קאמיסיע וועט קאנען מיטנעהמען געלט וואס היגע אידען וועלען זיי מיטגעבען איבערצוגעבען צו זייערע דארטיגע קרובים אין די אוקראינישע שטעדט.

עס ווערט ערווארטעט אז די קאמיסיע זאל פארלאזען קענעדע ניט שפעטער ווי אין אפריל. עס איז אבער מעגליך אז נאך פיעל פריהער. יעדענפאלס די צייט ווען די קאמיסיע וועט פאהרען איז אפהענגיג אן א סך סבות וואס מען קאן איצט אין פאראויס ניט זעהען.

טאראנטער פאסאזשירען פארהאלטען אין מאנטרעאל צוליעב פאקען.

מאנטרעאל, דעצעמבער, 15.

אכט טאראנטער פאסאזשירען וואס זענען אהער אנגעקומען, און וואס האבען ניט געהאט קיין סערטיפיקאטען פון געשטעלטע פאקען זענען ארעסטירט געווארען און מען האט זיי געשטעלט די פראגע צו זיי ווילען זיך לאזען שטעלען פאקען אדער צוריקגעשיקט ווערען. זיי האבען איינגעוויליגט און מען האט זיי געשטעלט פאקען.

היינט איז ערב חנוכה

זעהר א פאסיגע צייט צו געבען מתנות — נעהמט צוזאמען אייערע קינדער און זיצענדיג ביים טיש ביי א גלעזעל טיי דערצעהלט זיי דעם נס חנוכה און אויך ווי אזוי די אידישע צוקונפט ווערט איצט אויף דאס ניי געבויט — אבער פארגעסט אויך ניט צו דערמאהנען זיי אן דער אייגענער צוקונפט . . . ווייזט זיי אז נסים האבען פאסירט בלויז אמאל, היינט אז א מענש שפארט ניט אפ עטליכע דאלאר, איז ער טאקע אין גרוים געפאהר צו ליידען דחקות און נויט.

און ווען איהר וועט הערען פון דער נויטיגקייט פון שפארען ווייזט זיי אייער פון די קליינע סייפס וואס מר. ה. הייגבערג Banker גיט אייך אפסאלוט אומזיסט, און איהר וועט זעהען וואס פאר א גוטע ווירקונג אייערע רייד וועלען האבען.

עפענט א שפאר אקאונט בלויז מיט אן איינציגען דאלאר.

אידישע זשאנדארמען אין פאלעסטינא

(אינט. איד. פרעס ביורא.)

ניו יארק, דעצעמבער, 15.

אינפארמאציעס וואס זענען דא ערהאלטען געווארען גיבען איבער, דאס אין פאלעסטינא איז איינגעפיהרט געווארען א זשאנדארמעריע און די זשאנדארען זענען אידען. דער ארגאניזירער דערפון איז קוירנעל סעמיועל.

דר. מאקס נארדוי ניט אריינגעלאזען אין פאריז

(אינט. איד. פרעס ביורא.)

ניו יארק, דעצעמבער, 15.

ידיעות וואס זענען דא ערהאלטען געווארען גיבען איבער דאס די רעגיערונגס בעאמטע פון פראנקרייך האבען זיך אנטזאגט אריינצולאזען קיין פאריז דעם באריהמטען ציוניסטישען פיהרער דר. מאקס נארדוי, וועלכער געפינט זיך איצט אין לאנדאן.

דר. מאקס נארדוי האט זיך געפונען די גאנצע צייט פון דער מלחמה אין שפאניען, די פראנצויזישע רעגיערונג האט אויף איהם געקוקט מיט א פארדאכט דערפאר וויל ער איז געבוירען געווארען אין דייטשלאנד.

פארשיעדענע נייעס בקצור

ניטא קיין מענשען איבערצופיהרען די משוגעים.

דערפאר וואס מען קאן ניט באקומען גענוג מענשען וואס זאלען העלפען איבערפיהרען די משוגעים פון קווין סטריט משוגעים הויז אין דעם נייעם האספיטאל פון וויטבי געפינען זיך די קראנקע נאך אלץ דארטען.

געפונען דערשטיקט פון גאז.

לייאן דזשיימס, 35 יאהר אלט איז געפונען געווארען טויט אין עמפערעס האטעל. ער איז דערשטיקט געווארען פון גאז.

דרייהונדערטער.

פאר פארקויפען שנאפס איז פאליווינטערס באשטראפט געווארען צו באצאהלען דריי הונדערט דאלאר אדער זיצען דריי חדשים.

דייטשלאנד האט געענטפערט.

פאריז, דעצ., 15.

פאועל דוטאסטא, סעקרעטער פון שלום קאנפערענץ האט שוין ערהאלטען דעם ענטפער פון דייטשלאנד אויף די אלייאירטע נאטעס.

אונגארישע קאמוניסטען פארורטיילט צום טויט.

בודאפעסט, דעצ., 15.

אלע קאמוניסטען וואס זענען ארעסטירט געווארען נאכדעם ווי די בעלא קוהן רעגיערונג איז געפאלען האבען איצט געקראגען זייער שטראף. פערצעהן זענען פארארטיילט געווארען צום הענגען, איינער אויף לעבענסלענגליכע געפענגניש און א גאנץ גרויסע צאהל אנדערע צו פארשיעדענע געפענגניש שטראפען מיט שווערע ארבייט.

„פון דיפלאמאטיע וועלען מיר ניט געהאלפען ווערען”.

לאנדאן, דעצ., 15.

א מאסקווער טעלעגראמע מעלדעט, דאס די באלשעוויסטישע רעגיערונג האט ערקלעהרט, דאס די דיפלאמאטיע וועט ניט ברענגען קיין שלום צום סאוועטען רוסלאנד. עס מוז קומען דורך א שטארקער רויטער ארמיי.

וועלען רופען ווילהעלמ'ן אויף א פארהער.

בערלין, דעצ., 15.

די פארלאמענטארישע קאמיסיע וואס פארשט אויס די שולדיגע אין דער מלחמה וועט מעגליך רופען ווילהעלמ'ן און איהם נעהמען אויף א קרייץ פארהער.

פארזוך צו טויטען עגיפטישען פרעמיער.

קאירא דעצ., 15.

א סטודענט האט היינט געמאכט א פארזוך צו טויטען דעם פרעמיער. דער סטודענט איז ארעסטירט געווארען. דער פרעמיער איז פארהאסט ביי די נאציאנאליסטען דערפאר וויל ער איז ניט קיין געגנער פון ענגלאנד.

ארויסגעשיקט פון קענעדע.

מיס עלזי סאבאראווסקי, אדער ווי זי האט זיך אויך גערופען ריטא בענקורט איז נעכטען ארויסגעשיקט געווארען פון קענעדע צו די פאראייניגטע שטאאטען און דארטען וועט זי איבערגעגעבען ווערען צו די אימיגראציאנס בעאמטע ארויסגעשיקט צו ווערען פון לאנד, צוליעב איהר רעוואלוציאנערער טעטיגקייט וואס זי האט אנגעפיהרט אין לאנד.

מיס סאבאראווסקי איז ארעסטירט געווארען נאך 9 חדשים צוריק און איז געזעסען די גאנצע צייט אין געפענגניש ביז נעכטען.

אויפפאדערונג פון פראווינציעלער באארד אוו העלטה איגנארירט

גרויסע דעפוטאציע פאר'ן סיטי קאונסיל. — פראווינציעלע רעגיערונג וועט מעגליך זיך ווענדען צום געזעץ. — געגנער פון פאקען אין א גרויסער צאהל.

די געגנער פון שטעלען פאקען האבען געקראגען נצחון א גרויסען זיעג. עס איז אבער העכסט מעגליך דאס דיזער דאזיגער זיעג זאל האבען אריינגעשלעפט די שטאט אין א גרויסען סכסוך מיט דער פראווינציעלער רעגיערונג און דערפון זאל ארויסקומען א גרויסער שטרייט.

דער זיעג באשטעהט אין דעם וואס דער טאראנטא סיטי קאונסיל האט באשלאסען ניט צו פאלגען די אויפפאדערונג פון דר. מעקולא, פארשטעהער פון דער פראווינציעלער באארד אוו העלטה, ארויסצוגעבען א פראקלאמאציע צו צווינגען יעדען איינוואוינער צו לאזען זיך שטעלען פאקען.

ניט געווען קיין פארשלאג.

דער בריעף וואס דר. מעקולא האט צוגעשיקט צום סיטי קאונסיל איז פארגעלעזען געווארען, אבער אזוי ווי עס האט זיך ניט געפונען קיין איינציגער פון די קאונסיל מיטגליעדער וואס האט לעצטע וואך געשטימט דערפאר אז די שטאדט זאל נים צווינגען צו שטעלען פאקען, וואס זאל איצט פארשלאגען נאכאמאל צו באטראכטען די פראגע, האט מעיאר טשורטש ערקלעהרט דעם גאנצען ענין אלס נעגענדיגט.

בשעת דער בריעף איז פארגעלעזען געווארען איז אין פארזאמלונג'ס צימער פון קאונסיל אנוועזענד געווען א גרויסע דעפוטאציע פון די געגנער פון צווינגען צו שטעלען פאקען. די דעפוטאציע האט געבעטען מען זאל אויסהערען וואס זי האט צו זאגען געגען אזא מין באפעהל ווי עס האט צוגעשיקט דר. מעקולא פון דער פראווינציעלער באארד אוו העלטה, אבער מעיאר טשורטש האט ערקלעהרט, דאס אזא דיסקוסיע וועגען דעם ענין וואלט געווען אויסער ארדנונג ווארום דער ענין וועגען פאקען שטעלען ליגט נים פאר פאר די פארהאנדלונגען.

די דעפוטאציע האט דארום מיט פינף מינוטען שפעטער פארלאזען דעם סיטי האל. העכסט צופריעדען מיט איהר זיעג.

פראווינציעלע רעגיערונג מוז האנדלען

נאך דעם נעכטיגען באשלוס פון דעם סיטי קאונסיל בלייבט איבער פאר דער פראווינציעלער רעגיערונג דורכצופיהרען דאס געזעץ. פרעמיער דרורי האט נעכטען ערקלעהרט, דאס די פראווינציעלע רעגיערונג וועט דורכפיהרען אלע רעקאמענדאציעס וואס די מאיאריטעט דאקטוירים וועלען רעקאמענדירען.

גיבען פילען אנשטאט פאקען.

איינינע דאקטוירים, פון די געגנער פון פאקען האבען נעכטען אנגעהויבען ארויסצוגעבען אזעלכע מינים פילען, און זיי באהויפטען דאס ווען מען נעהמט איין די פילען האט דאס די זעלבע ווירקונג ווי שטעלען פאקען.

צוזאמען מיט דעם רעצעפט אויף אזעלכע פילען גיבען זיי אויך ארויס סערטיפיקאטען פון געשטעלטע פאקען.

די דאקטוירים וואס אגיטירען פאר פאקען שטעלען האבען זיך, פארשטעהט זיך, אויסגעלאכט פון דעם נייעם מין פארהיטונג'ס מיטעל, אבער זיי האבען ערקלעהרט, דאס עס איז ניטא קיין איינציג געזעץ וואס זאל זיי שטערען ארויסצוגעבען אזעלכע פילען.

עס איז אויך באהויפטעט געווארען, דאס אין איינינע שטאאטען פון די סטייטס זענען אזעלכע פילען אנערקענט, און אז די האמעאפאטישע שולע אין דער מעדיצין בארעכטיגט דאס.

קלאוקמאכער ראטיפיצירען זייער אפמאך

גרויסער מיטגליעדער מיטינג אין נעשאנעל טהעאטער.

היינט אווענט וועלען די קלאוקמאכער פון טאראנטא האנדלען וועגען דעם אפמאך וואס איז געשלאסען געווארען ביים קאנפערענץ צווישען דער אסאסיאיישאן מיט דער יוניאן. זונטאג איז דער אפמאך פארהאנדעלט געווארען פון דער דזשאינט באארד און היינט וועלען איהם דארפען ראטיפיצירען די גאנצע מיטגליעדערשאפט.

וויל ניט באאיינפלוסען.

אויף אן אנפראגע פון „זשורנאל” וועגען די מעלות פון דעם געשלאסענעם אפמאך האט מר. קאלדאווסקי ערקלעהרט דאס ער וואלט ניט געוואלט באאיינפלוסען די גרויסע מיטגליעדערשאפט מיט זיין מיינונג. עס בלייבט איבער אפסאלוט פאר יעדען איינציגען מיטגליעד צו שטימען ווי זיין אייגענער שכל דיקטירט איהם.

מר. קאלדאווסקי האט אבער אויסגעדריקט זיין מיינונג דאס די מאיאריטעט קלאוקמאכער וועלען שטימען אנצונעהמען דעם אפמאך.

דער היינטיגער מיטינג וועט געהאלטען ווערען אונטער געשלאסענע טירען. בלויז מיטגליעדער מיט גוט - שטעהענדע בוכלאך וועלען אריינגעלאזען ווערען צו באטייליגען זיך אין שטימען.

געזוכטע פערזאנען

אין „אידישען זשורנאל” איז נעכטען ערהאלטען געווארען א בריעף פון מינסק, פוילען, וואו מען פארלאנגט פון אונז פאלגענדעס:

וו. ה. רעדאקטאר!

ערלויבט מיר דורך דער הילף פון אייער „זשורנאל” אויסצוגעפינען מיין מאן פון וועלען איך האב שוין ניט 5 יאהר. זיין אדרעס איז געווען 313 ווילטאן עוו. בעני גאלבין, טאראנטא.

מיין יעצטיגער אדרעס איז: מ. אייזענשטארק קאנסטאנטינער גאס 25, וואוינונג 16, לאדז פאר בעללא פיווניק (גאלבין).

אין רעדאקציע געפינט זיך פאר איהם אויך א בריעף.

רבי גארדאן האט אונז איבערגעגעבען א בריעף פון אפאטאוו דאראמער טוב. וואו עס ווערען געזוכט די פאמיליע פונ'ם פארשטארבענעם לאנגער. דער יעניגער וואס האט אפגענומען דעם ערשטען בריעף ביי ה. מ. קירשענבוים, איז געבעטען זיך ווענדען אין „זשורנאל” אפיס פון 5 ביז 7 יעדען אווענט.

י. ענגעל 261 מאניטאבא עוו. וויניפעג, לאזט מען וויסען דאס שלמה, מירעל חייקע אנגעלציק זענען געזונט, פארדען שטיצע און ווארטען אויף אן אנטווארט. לידא, קאמיאנקא 2 שלמה טעפערמאן.

צוועלף טויזענד שניידער סטרייקען אין ניו יארק

(אינט. איד. פרעס ביורא.)

ניו יארק, דעצעמבער, 15.

צוועלף טויזענט שניידער וואס ארבייטען אין די גרויסע סטארס פון קאנעל סטריט און אנדערע געגענדען, זענען ארויס אין סטרייק פאדערענדיג א העכערונג פון 25 פראצענט אויף די שכירות

ניזאם
טערקישע סיגארעטס
10 פאר 18 סענט
2 פעקעדזשעס פאר 35 סענט

דער פארברעכער

אן אינטערעסאנטער און שפאנענדער ראמאן, אויס דעם אידישען לעבען פון פוילען, און קאנאדע.

באארבייט פאר'ן „אידישען זשורנאל"

פון י. ב—ם

(55-טע פארזעצונג)

בערטא האט א ציטער געטון פרובירט ארויסנעהמען איהר האנט פון זייגע, און ניט געענטפערט.

מרדכי האט אבער פעסט איהר האנט אין זייגע געהאלטען. ער האט געפיהלט ווי זי וויל די האנט באפרייען, ער האט אבער ניט געלאזען און א דריק טוענדיג דעם עלעקטריק באטאן איז דער אפיס איינגעטונקען געווארען אין ליכט.

בערטהא, איהר וועט יעצט ניט געהן, האט מרדכי געזאגט, איך וועל עס ניט דערלויבען אז איהר זאלט יעצט אוועקגעהן פון אפיס, איבעריגענס אויב איהר ווילט נייטיג אוועקגעהן, דאמאלס וועל איך אייך באגלייטען ביז צו אייער הויז. איך גלויב אז איהר זענט צו שטארק אויפגערעגט יעצט זעלבסט אהיים צוגעהן.

בערטא האט געשוויגט, זי האט ניט געוואוסט וואס דא קומט פאר, איבעריגענס האט זי א טראכט געטון, פיליכט האט ער מורא צו בלייבען אליין אין אפיס, ווייל ער איז שטארק אויפגערעגט. זי האט איהם פארזיכערט, אז זי געהט ניט. ער האט איהר האנט אפגעלאזען און איז צו צום טיש.

ווייסען אייערע עלטערן אייך דערפון האט מרדכי גענומען ווידערהאלען די פריהערדיגע ערצעהלונג.

ניין, האט בערטא געענטפערט.

הענקט איהר ניט, אז עס וואלט גוט געווען זיך דורכצורייהדען מיט'ן חתן זעלבסט, אז ער זאל דעם שידוך אויפגעבען און בעסער אפפאהרען פון מאנטרעאל, האט מרדכי — בערטא'ן געפרעגט.

אזעלכע מענשען שעהמען זיך ניט, האט בערטא געענטפערט, בפרט ווען דער קרבן וועט קיין עדות ניט זאגען.

די לעצטע ווערטער האבען זי פארראטען, מרדכי איז יעצט זיכער געווען, אז דער קרבן איז ניט קיין אנדערער ווי בערטא — ער האט חרטה באקומען נאך וואס ער האט צוריק אנגעפאנגען דעם שמועס, און אום זיך ארויסצודרעהען פון דער לאגע, האט ער א זאג געטון.

בערטא עס איז שפעט, קומט און מיר וועלען געהען אהיים.

מיר זיינען ביידע אין אן אויפגערעגטען צושטאנד, און מארגען וועל איך געפינען אן אויסוועג ווי אזוי דעם פלאנטער פארנאנדער צוואוויקלען.

ביידע האבען אויף זיך גענומען די אויבער מלבושים, אין ארדנונג געבראכט אלעס פון אפיס און ארויס אויף דער גאס.

די לופט האט אביסעל זיי אפגעפרישט, א קיהל ווינטעל האט געבלאזען איבער זייערע פנים'ער און ביידע זיינען געגאנגען פארטראכט. ביידע האבען נאכאמאל איבערטעקלערט וואס עס האט מיט זיי פאסירט דעם אווענט, און ביידע האבען פארלוירען דעם צוטרויען צו זיך. ביידע האבען געקוקט אויף זיך ווי צוויי זינדיגע.

מרדכי האט באטראכט בערטא'ן אלס א געפאלענע, אלס א מיידעל וועלכע קען מעהר מיט איהר מיידעלשקייט ניט שטאלצירען און בערטא האט באטראכט מרדכי'ן אלס דער וועלכער מאן ווי אלע מענער, וועלכער טראגט אויף זיך א יעגער זיגר, און וועלכער ווערט אויפגערעגט יעדער צייט ווען מען דערמאהנט עס איהם.

און דערפאר האבען זיי ביידע ביי זיך באשלאסען אויפצופאסען איינער אויפ'ן צווייטען.

מרדכי איז זיכער געווען אז ער איז דער שולדיגער וואס ווייסט בערטאס סוד, און דערפאר מוז ער, אז זוכען אן אויסוועג צו די תנאים ניט צו דערלאזען, אז האלטען אן אויג אויף בערטא'ן וועלכע וועט פרובירען מיטלען ווי אזוי דעם שידוך צו צושטערען.

בערטא האט חרטה געהאט דערפאר, וואס זי האט אויפגעדעקט אן אלטע וואונד אין מרדכי'ס הארץ. איהר האט באנג געטון דערויף, נאך וואס עס ליידעט יעצט א מענש צוליעב איהר, און צוזאמען מיט איהר האס, האט זי אויך געהאט געוויסענסביסע פאר וואס די וועלט איז אזוי צודרעהטע, אזוי אויסגעלאסענע, און זי האט מורא געהאט צו לאזען מרדכי אליין, פיליכט וועט ער זעלבסט מאורע באגעהן.

ביידען האבען ניט געזעהן וואו זיי געהען, ווי שנעל דער וועג פארשווינדעט, און ווען זיי האבען זיך געכאפט, זיינען זיי געווען אין א זייטיגע גאס, זעלבסט ניט וויסענדיג אין וועלכען געגענד זיי זיינען.

מרדכי איז א ווייל'ע שטעהן געבליבען. בערטא האט זיך גלייך געגעבען א קוק ארום. דערמאהנט זיך אז זיי געפינען זיך אין דעם אמת'ן פראנצויזישען געגענד האט זי זיך שטארק צולאכט, ווי ווייט זיי זיינען פארקראכען, און א זאג געטון צו מרדכי.

געהן ווייטער קען איך שוין ניט, איך בין שטארק מיעד, און אויב איהר ווילט וועלען מיר אריינגעהן אין אט דער קאפע „דע לוקס" עפעס איבערכאפען.

מרדכי האט זיך אביסעל געישובט. ער האט זעהר ניט געוואלט אריינגעהן יעצט צווישען מענשען. ער האט געוואלט בלויז צו פיהרען בערטא'ן צו איהר היים, און בלייבען אליין אום זיך צו צישטורזען. בערטא האט איהם אנגענומען ביי דער האנט, און ניט ווארטענדיג ביז ער וועט ענטפערען האט זי איהם אריינגעפיהרט אין דער קאפע „דע לוקס".

(ווערט פארגעזעצט)

פאר די מלחמה קרבנות

מר. ס. ה. דזשייקאבס 25 באלדוין סטריט און הער קאהען האבען אריינגעבראכט אין „זשורנאל" 40 דאלאר פאר די מלחמה קרבנות.

15513

בריעף צו אונזערע לעזער

שלום לפידות, וועמענס פאמיליע עס וואוינט אין טשענסטאכאוו פוילען האט אונז איבערגעגעבען א בריף וועלכען ער האט ערהאלטען, און פון וועלכען מיר ענטנעהמען פאלגענדעס.

ליבער פאטער.

מיר האבען ערהאלטען 500 מארק, דאס איז געווען פאר די 50 דאלאר וואס די האסט געשיקט. אויך האבען מיר באקומען 356 מארק דאס איז געווען פון די 25 דאלאר, וועלכע די האסט געשיקט דורך דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע. אויסער דעם האבען מיר ערהאלטען צוויי דאלאר פאר וועלכע מיר האבען באקומען 70 מארק. ביי אונז איז יעצט דער דאלאר מעהרער ווי 50 מארק, און דערפאר טומעלט זיך דא מיט דער ציוניסטישער ארגאניזאציע וועלכע צאהלט אויס די געלדער מיט אזא נידריגען קורס, און דער צייט ווען א דאלאר איז פאקטיש פינף מאהל אזוי פיל ווערט.

עסען קאסט זעהר טייער, דריי מארק א פונט ברויט, 100 מארק א קערץ קויהלען. פיעלע פון אונז פאהרען קיין דייטשלאנד ארבייטען, איך זעלבסט בין אן אנגעשטעלטער אין א קאאפעראטיווען געשעפט.

עס פרעהט אונז זעהר וואס דו האסט איינגעגעבען דיינע פלענער וועגען צוריק קומען.

דאס קולטורעלע אידישע לעבען הא(ט) ביי אונז, ווערט אין א געוויסען זין נאך אנגעפיהרט פון אונזערע אלטע בעלי טובות, ציוניסטען ארטאדאקסען און אסימילאטארען, די קינדער פון אונזערע אידישע שולען, מוזען פאר דעם ביסעל לאקאל אויף מיטאג, צאהלען 20 מארק א חודש, מיר די ארבייטער אין טשענסטאכאוו האבען דריי קינדער-היימען מיט מעהר ווי 200 קינדער, און מען וויל אונז פאר זיי גאר ניט געבען פון די אמעריקאנער געלדער, בלויז דערפאר וואס מיר לערנען מיט די קינדער אויף אידיש, און ווייל מיר ערציהען זיי לויט דעם אידיש נאציאנאלען גייסט.

דיין זוהן
זלמן לפידות

באגנבה'ט א אידישען דזשועלרי סטאר

מאנטרעאל, דעצ., 15.

גנבים האבען זיך אריינגעריסען אין דזשועלרי סטאר פון מ. וועבער און ארויסגענומען אויף דריי טויזענד דאלאר סחורה

פעלדמאן און פיוגיק
קלינערס דייערס און פרעסערס
מיר נעמען אן ארבייט און מיר דעליווערען דעם זעלבען טאג אונזער ארבייט איז גאראנטירט אויך קויפען ביי מיר און מיר פארקויפען קלאדינג און פאר קאוטס ריטייל און האלסייל
822 דאנדעס וועסט

דר. סלאון האט איבערגענומען דר. שווארצ'ס אפיס
דר. מ. שווארצ'ס אפיס שטעהט יעצט אונטער דער אויפזיכט פון
דר. א. סלאון
דענטיסט
137 בעווערלי סטריט
טעלעפאן קאלעדזש 5483

קאהען און קאהען
באריסטערס און נאטארי פאבליק
א. א. ז.
סאן לייף בילדינג
60 וויקטאריא סטריט.
מעין 2684.
אברהם קאהען נארט 267
סעמיועל קאהען דזשאנקשאן 1545

לערנט דעזיינינג פאר מענער קליידער
כ'פארזיכער אויסצולערנען אין א קורצע צייט דעזיינינג מיט גוטע רעזולטאטען. פרובירט מיינעם א פעטערן
מר. פרימאן
27 בארדאי סטריט
פאן קאל. 8560
8778—1—23

דזש. גריינער און קאמפאני
שיפס קאנטאר 181 קווין סטריט וועסט.
$5500 אה הויז מיט 9 רומס, סייד דרייוו, גאראדזש, עלעקטריק לייט, הארדוואוד פלארס. אין בעלוואי עוו. קעש אראנזשירט.
$5500 פאר צוויי סטארס צו פארקויפען אין אקספארד, אדער אין מארקהאם. גוט פאר גראסעריס, 6 רומס מיט אלע קאנוויניענס, קעש אראנזשירט.
$4500 יעדע. צוויי הייזער אין פהיבי סט. סאליד בריק. אלע קאנוויניענס, 8 רומס אין יעדען, 600 דאלאר קעש.
$2800 מיידזשאר סטריט, 8 רומס, קאנוויניענס, 24 ביי 110. 600 דאלאר קעש.
איך סיטיזען פאפירען ווערען געמאכט ביי אונז אין אפיס
מיין נאמען איז אייך בעקאנט.
J. GRANER J.P.
181 Queen Street, West

מאנטאג, דינסטאג און מיטוואך
דעם 15-טען, 16-טען און 17-טען דעצעמ.
וויסטס
"Ye Fair Lady Waists,"
אונזער לעצטער פארזוך פאר דעם קריסטמאס סיזאן.
יעדע וויסט וואס געפינט זיך ביי אונז אין סטאר איז געמארקט $6.95
אלע סארטען מאטעריאל, סייזעס און קאלירען.
אייניגע „קלידער דזשארדזשעטס", אין דיזען סייל ביז $15.00 א שטיק.
The Upstairs Waist Shop
34 Yonge St.
טעלעפאן מיין 2248.

דער אפיס וואס האט באלאנגט צו
דר פאומאן און דר. סיגעל
ווערט יעצט איבערגענומען פון
דר. פאומאן
און דאקטאר פאומאן אליין וועט פון יעצט אן און ווייטער אטענדען צו די פאציענטען.
ראיעל בענק בילדינג
קארנער טשעסנאט און דאנדעס סטריט

דר. מ. פיוזניק
דענטיסט
שמערצלאזע עקסטרעקשאן פון צייהן
קאר. קווין און ספאדיינא עוו. רום 2
טעלעפאן ארעלייד 6067

ליוויי און פעלדמאן
545 קווין וועסט
מיר מאנופעקטשורען טשילדרען קאוטס און סוטלעך פאר באיעס און מיידלאך, און מיר פערקויפען אין מאכען אויך צום ארדער ריטייל און האלסייל. טעלעפאן אדלייד 4792.

נאך ראיעלע אינשורענס פאליסעס
ווענדעט אייך צו
ל. וואהייט
109 גארוויל עוו.
איינער וואס פארשטעהט די אינשורענס און גיט די בעסטע עצות
טעלעפאן קאלעדזש 2585

טעלעפאן ארעלייד 6615.
דר. מ. קייטס
דענטיסט
218½ קווין וועסט.
(קאר. ביקאל סטריט)
טאראנטא

בלויז חזן וולאדאווסקי

איז אנשטענדיג, ריין און פארזיכטיג
אלם מוהל
אלע עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט ווייל דאס איז אין זייער אייגענעם בענעפיט. סאמטער לייט קענען מיר אויך רופען אויף שמחות.
וואהנונג 63 בראנזוויק עוועניו און טעלעפאן קאלעדזש 1076

ביזנעס שאנסען
טעלעפאנירט אדעלייד 153 פאר מעסענדזשער.
אלע סארטען שערען געשארפט און געשליפען פון 10 סענט און העכער.
אלע סארטען רייזער בליידס געשארפט אויך די געוועהנליכע רייזערס געשארפט און געשליפען און אריינגעשטעלט נייע הענטלאך צו רייזערס.
מיר קומען נאך דער ארבייט.
די אלערט, שארפער, רעג
180 באטהורסט סט. טאראנטא. אנט

איך פייפער און פיינט
מיט די בעסטע פיינט און שענסטע פייפער צו די ביליגסטע פרייזען ווי אויך פערקויף איך פייפער און פיינט ביליג, די בלור פיינט סטאר 856 בלור סטר.
פאן קאל. 9461
8834—12—23

פלאמבינג און היטינג קאמפארט קא.
מיר מאכען אלע ארבייטען ביליג בעסטע צופרידענהייט גאראנטירט 493 קווין סט. וועסט טעלעפאנירט עדלייד 5277 קימען מיר גלייך מאכען דעם דזשאב.
9443 * *

דר. ס. פערלמאן
דענטיסט
341 באטהורסט סטריט.
טעלעפאן קאלעדזש 5720
גיט אכטונג אויף דער גרויסער עלעקטרישער שילד
ברידזש ארבייט צו מעסיגע פרייזען
אפען אין אווענט.

דאקטאר
יוליוס לעזין
דענטיסט
אפיס: 382 קווין וועסט קארנער ספעדיינע עוו.
וועגען אפאינטמענטס טעלעפאנירט קאלעדזש 766

יעקב מ. בענעט
(פון בענעט און קעמעראן)
באריסטערס, סאליסטערס, נאטאריעס א. ז. וו.
2901 דאנדעס סטר. וועסט טאראנטא
טעלעפאן דזשאנקשאן 9077.
וואוינונג טעלעפאן דזשאנקשאן 983.

וועגען ראיעלסטע און בעסטע אויסקונפטע פאר אינשורענס ווענדעט זיך צו
פ. ליוואי
ספעשעל לייף אינשורענס אגענט
P. LEVI
Insurance Agent
214 Beverly St. Tel. Coll. 8101

הוסטען און פארקיהלונגען מיינט שלאפלאזע נעכט
מיט יעדער שטונדע, וואס מען פארלענגערט א פארקיהלונג איז פארהאן א געפאהר. העלפט צו דער נאטור געזונט צו ווערען, געברויכענדיג
Dr. Macey's Cough Cure
פרייז 35 סענט. פארקויפט נאר ביי
Claude J. Halloran
דראגיסט
202 Dundas W. Cor. Centre Av.
TORONTO

פאטראניזירט די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאניע

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג. בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייז. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. 10 טעראלי סטריט. טעלעפאן עדלייד 2087
אווענדס און יום־טובים טעלעפאנירט קאל. 5619
NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY, 10 TERAULEY ST

ביזנעס קויפען און צו פערקויפען
צו פארקויפען א פארם פון 150 אקער לאנד אין ביי קאונטי, קליי ענד סענדי לוים, ארטשארד, צוויי פריים הייזער, באנק בארן סילא, אויסערע געביידעס, אקער דאן, צעהן טויזענד דאלאר.
ארטהור ווארטמאן, באט אנטעריא.
נאכפרעגען:
Arthur Wartman Bath Ont,
9242—12—22

גרויסער בארגיין צו פארקויפען א הויז אויף בעלוואודס עוועניו, 9 רומס סאליד בריק, סקוועהר פלען אלע בעקוועהמליכקייטען, נאכפרעגען 766 דאנדעס סטריט וועסט, טעלעפאן קאלעדזש 268.
9334—12—30

א לאט מיטסיט סוטס צו פערקויפען. בעסטע סחורה און בעסטע ארבייט. א גרויסער בארגיין צום שנעלען קויפער. האלסייל 153 יארק סט.
9537—12—18

א גוטע געלעגענהייט פאר דעם פאסינגען מאן, א דעירי פארם צו פארקויפען מיט אלע בעסטע קאנוויניענס. נאכפרעגען שריפטליך זשורנאל באקס 777

$3700 9 רומיגע הויז צו פארקויפען א מעהר בארגען, איינציגטימער פאר לאזט טאראנטא. נאכפרעגען 574 דאנדעס סט. איסט.
9493—12—18

וויכטיג פאר סטארקיפערס און קאנטרי פעדלערס. ווינטער קאוטס צו פערקויפען, זעהר ביליג. נאכפרעגען 94 הארבארד סט. טעלעפאן קאלעדזש 3014.

א גוטען פערד און וואגען צו פארקויפען און א ראוד, א גוטען לעבען צו מאכען 3 לעאנארד עוועניו, אורזאכע קען ניט אטענדען.
9518 12 16

ספעשעל צו קלינערס און סעקאנד הענד סטארס
מיר נעמען אן ארבייט צו קלינען און פארבען און פרעסען, טעלעפאנירט קאל. 2628 וועלען מיר קומען נעמען אייער ארדער און אויך דעליווערען, סיטי דיי ווארקס לימיטעד 349-51 קאלעדזש סטריט.
9509—6—11

האמילטאנער אידען
געדענקט, דאס
שעכטער'ס אפיס, קארנער בארטאן און שערמאן, איז דער איינציגער אפיס אין שטאדט, וואו איהר בעקומט א אידישע בעהאנדלונג. ס'איז אפילו אביסעלע ווייט, אבער א נאהענטע ציעל צו ערייכען אלעס צופריעדענשטעלענד. די מלחמה איז פארביי, און לויט די אראנדזשמענטס וואס מיר האבען געמאכט מיט די שיפס קאמפאניעס, קענען מיר פערקויפען שיפס קארטען אויף אויסצאהלען פאר'ן זעלבען פרייז, ווי פאר קעש.
אלע געלדער וואס ווערען געשיקט דורך אונזער אפיס ווערען גאראנטירט פון די בענק אף קאמערס, מיט וועמען מיר שטעהען אין פערבינדונג. מיר זענען דירעקטע פערטרעטער פון די בעסטע אינשורענס קאמפאניעס, אין פייער, לייף, עקסידענטס, און אויטאמאביל אינשורענס. ריעל עסטייט לייך אין אונזער ספעציאליטעט. מיר האבען גרויסע פערבינדונגען מיט בענקס און אראנזשירען פאר אייך די מארטגעטשעס אומזאנסט.
דיערס, מיטעלס, און די טווידטש צו ריעל עסטייט טראנסעקשאן, מאכען מיר פריי צו די וואס קויפען פראפערטי דורך אונזער אפיס.
ליסטעט אייער הויז מיט אונז, איהר וועט בעקומען אייער געלד אהן טראבעל. מיר גיבען אויך מעריזדש ליסענס, און סיטיזען פייפערס, שרייבען אונטער אפידייוויטס, און פערפערטיגען אלע אנדערע געזעצליכע פאפירען.
נעהמט א רזשיטניע, זאל אייך קאסטען א ניקעל פאהרען, ס'וועט אייך אריינברייגען א סך געלד.
אפיס 676 בארטאן איסט. אפען יעדען טאג פון 9 ביז 9.
טעלעפאן גאר. 127.
הויז 65 איסט עוו. טעלעפאן 5589.
James L. SHEKTER
Justice of the Peace
Issuer of Marriage Licenes
נ. ב. מיר זענען די איינציגע פערטרעטער פון אלע אידישע צייטונגען. אויב איהר ווילט האבען צוגעשיקט דעם „זשורנאל", אדער אן אנדער צייטונג אין הויז, טעלעפאנירט און מיר טוען [illegible]

מצבות
פון מארבעל און גראניט
ווערט געמאכט ביי
קעמינס און סאן
וויא אויך סיינס צו מעסיגע פרייזען די בעסטע
טעלעפאן עדלייד 5957.
120־118 טעראלי סט.
טאראנטא.

ארבייטער פערלאנגט

עקספיריענסד פינישערס פערלאנגט צו סוטס. פרינסעס עטיק 167½ ספעדיינא עוו.
9515—12—17

אן ארענטליכע פרוי זוכט א פלאץ אלס וואטש פרוי. פארזיכערט צופריעדענהייט. נאכפרעגען 86 ד'ארסי סט.

פארלאנגט איין אנשטענדיגע מיידעל פאר לייכטע הויז ארבייט, גוטע ווידזשעס. נאכפרעגען 1169 בלור סט. וועסט טעלעפאן דזשאנקשאן 63307.
9541—12—18

עקספיריענסד פינישערס צו ליידיעס סוטס און קאוטס. ווענדען זיך זאפארט א. ראטה און קא. 439 קינג סטריט וועסט
9540—12—18

פערלאנגט עקספיריענסד פינישערס צו ליידעס סטו און קאוטס, סטעדי ארבייט, העכסטע וויידזשעס. נאכפרעגען פאסלאנס און סאנס, 296 ריטשמאנד סט. וועסט.
9539—12—18

עקספיריענסד אפערייטארס צו ליידיס קאוטס און סוטס צו ארבייטען אויף הופליקייטס א. ראט און קאמפאניע 439 קינג וועסט.
9538 12 16

אויפרוף צו יעניגע אידען וואס האבען געזעהען דעם עקסידענט קארנער דאנקען און קווין וואס האט געטראפען דעם אלטען פערעלמאנען זאל זיך ווענדען 353 באטהורסט סטריט.

דער מאן וואס איז געוועזן אין דראג סטאר וואס האט איבערגעגעבען אלעס וואס מר. פערעלמאן האט געזאגט ביטע צו קומען אויף דעם זעלבען אדרעס.
9519 12 16

שמואל וואלצער פון זאלושטשיק גאליציען. א לעטער איז דא פאר איהם פון זיין מוטער ברייגע, אז זיין פאטער איז געשטארבען. ווער עס ווייסט פון איהם זאל זיך קויפען א מצוה און לאזען וויסען אין 279 קווין סטריט וועסט צו מר. סיגעל.
9512—12—16

א פוירסט קלאס ארבייטער צו מענער קאוטס פערלאנגט, א שטעלע אלס פארמאן שבת ניט צו ארבייטען. ווענדען זיך שריפטליך „זשורנאל" באקס 738.
9538—18—12

א ווארטש פרוי פערלאנגט א פלאץ בעסטע צופריעדענהייט, 63 סיסעל סט.
9543—12—17

פארלאנגט אן ערשטען קלאס לעהרער פאר זשארגאן, ווילינג צו צאהלען א גוטע סאלערי צום פאסינגען לעהרער. נאכפרעגען 108 ד'ארסי סט.
9548—12—17

מר. מאקס מעהר פון 412 סט. לאורענס בולווער, מאנטרעאל, זוכט מר. ברוידא פון טאראנטא. דער פאטער פון דייוו ברוידא. שרייבען אויף מיין אדרעס קיין מאנטרעאל.
9542—12—16

פערלארען א קליינע ווייסע שעהנע קינדערשע קישעלע, פיהרענדיג דאס קינד אין גאס אויפ'ן שליטעל. ווער עס האט איהר געפונען איז הערצליך געבעטען צו מעלדען אין 164 באלדווין סטריט.

קאטערס, שניידערס און אפערייטארס פערלאנגט.

א געלעגענהייט צו לערנען די גוט בעוואוסטע ניו יארקער שייפער'ס סיסטעם פון דעזיינינג, און גריידינג פון גארמענטס פאר פרויען, מיידלאך און קינדער. לאזט זיך ניט בלאפען פון אימיצען אנדערש, וואס פרעטענדירט צו לערנען דיזען סיסטעם, ווייל אייער געלט און צייט איז ארויסגעווארפען. איך בין דער איינציגער אין דיזער שטאדט וואס האב א פארבינדונג מיט שייפערס אקאדעמיע.

פאר איינצעלהייטען, קומט פערזענליך, ווייל קיין מייל וועט ניט גענומען ווערען אין אנבעטראכט.

דזש. דזש. סייפער
772 מארקהאם סטריט.

צו פערענטען

2 שעהנע רומס מיט אלע קאנוויניענס אהן הויזקיפינג און איין רום שעהן געפארניטשט. נאכפרעגען 391 מארקהעם סטריט, גלייך אריינצומופען.
9516 12 19

צו פארענטען א פלעט פון 4 רומס, סטים היט, עלעקטריק און גאז, מיט דעם נוץ פון עלעקטריק פיקטשורס. נאכפרעגען 242 מארקהעם סטריט
9525—12—14

צו פארדינגען א פלעט פון 3 רומס אלע קאנוויניענס, סעפערעט גאז, א פאר פאלק אהן קינדער, גלייך אריינצומופען, 56 לעאנארד עוועניו.
9521—12—16

נאטיס צו סעקאנד הענד קלאדינג פעדלערס

מיר קויפען פעדלערס און טאקסידא סוטס.
נאכפרעגען ל. וואהיט און סאנס 135 סענט פעטריק סטריט.
9142—12—17

האט איהר געהערט פון
אייערע קרובים

אויב איהר ווייסט ניט פון אייערע קרובים, אויב איהר ווייסט ניט וואו זיי געפינען זיך יעצט־שטעלט אריין א גרוס צו אייערע קרובים

מיר דרוקען יעצט פיעלע גרוסען פון היגע פערזאנען צו זייערע קרובים אויף יענער זייט ים, די אלע גרוסען ווערען איבערגעדרוקט אין די אידיש־אייראפּעאישע צייטונגען אייער קרוב וועט עס דארטען לייענען און אזוי וועט איהר זיך אויסגעפינען

דער אידישער זשורנאל
דרוקט די אלע גרוסען
פריי

באנוצט זיך מיט דער געלעגענהייט

פיעלע האבען זיך שוין אויף אזא אופן אויסגעפונען ווארום זאלט איהר עס ניט טון

מיר דרוקען אויך יעדען טאג גרוסען פון אייערע קרובים פון יענער זייט ים, לעזט דיזע גרוסען ווייל עס איז מעגליך אז מען זוכט אייך

זוכט איהר אייערע קרובים, זוכען אייך אייערע קרובים דער „אידישער זשורנאל“ וועט אייך צוזאמענברענגען

פילט אויס דעם ראויגען קופאן

(איהר קענט עס אריינשיקען דורך פאסט אדער אליין אריינברענגען צו אונז אין אפיס

איך זוך

נאמען . . . .

שטאדט . . . .

גאס . . . .

מיין אדרעס איז . . . .

. . . .

. . . .

דעם לעזערס ווינקעל

ווערטער הער רעדאקטאר!

מיט איין הארץ פול מיט שמערצען וויל איך אייך בעטען איהר זאלט דיזע עטליכע שורות דרוקען אין אייער ווערטען צייטונג, איז דאס ריכטיג אז ווען אלע אידישע ארבייטער פון טאראנטא זאגאר פון די קריסטליכע שעפער האבען פערלאזען זייערע שעפער און זענען געגאנגען צו דעם טרויער מיטינג אום אויסצודריקען זייערע מיטגעפיהלען פון אונזערע פאגראמירטע שוועסטער און ברידער און מיר ארבייטער וואס מיר ארבייטען ביי אן ארטאדאקסישען באס מר. גראנאטשטיין, האט אונזער באס אונז נישט ערלויבט צו סטאפען פון דער ארבייט גלייך מיט אלע טאראנטאר ארבייטער, איז דאס נישט קיין חלול השם? וואלטען כאטש די אוקראינער מיט וועלכע מיר ארבייטען געזעהן דאס מיר סטאפען עטליכע שטונדען צוליעב זייערע בלוטיגע פאגראמען!

מיט הארציגען דאנק פאר אפדרוקען די שורות אין אייער צייטונג.

אן ארבייטער

ווערטער הער רעדאקטאר!

ערלויבט מיר דורך אייער ווערטע צייטונג אויסצודריקען עטליכע ווערטער, און פראטעסטירען געגען דער אכזריות'דיגע האנדלונג פון איינעם פון די רייכסטע אידען פון טאראנטא, אין בעצוג דעם נאציאנאלען טרויער טאג, אדער מאסען לויה פון אונזערע צעהנדליגע טויזענדער ברידער, וואס זענען ערמארדעט געווארען אומשולדיג, נאר דערפאר וואס זיי זענען אידען, אין דער צייט וואס אלע אידישע געשעפט־לייט, פון גראסערי מאן, ביז דעם מאנופעקטשורער, האבען געשלאסען זייערע ביזנעס, אין דער צייט וואס אלע אידישע ארבייטער אהן אויסנאהם האבען געווארפען זייער ארבייט, און זענען געקומען טרויערען אויף דעם אידישען חורבן זענען געקומען פארגיסען טרערען אויף דעם פריהצייטיג אומשולדיג פארגאסענעם בלוט, זיינען געקומען אפזיפצען פון דעם וועהטאג און אומגליק וואס עס האט ארום גענומען דאס אידישע פאלק, אין דער זעלבער צייט איז זיך אונזער שעהנער און רייכער איד פּזעסען ווי יעדען טאג גאנץ רוהיג און גלייכגילטיג אין זיין אפיס. געטון ביזנעס ווי געוועהנליך און אויך נישט געלאזען זיינע אידישע ארבייטער זיך בעטייליגען אין דעם אלגעמיינעם אידישען טרויער, און לויט ווי עס האט איבערגעגעבען איינער פון די ארבייטער, האט זיך אונזער ארטאדאקס אויסגעדריקט, מיט שפאט און געלעכטער, אז ווער פון זיינע ארבייטער וואס וועט וואנען צו געהן צו די נאראנים, מעג ער זיך געהן, נאר אויף שטענדיג, און זיין שאפ טאהרען שוין זיינע פיס נישט איבערטרעטען, נו אידען, ווי געפעלט אייך עפיס אזא חוצפה? און ליידער צו אונזער אלעמענס שאנדע איז דער זעלבער טייערער איד לעצטענס געווארען א גאנצער עסקן, א כללטוער. צו וואס טויג אייער קומען אין שוהל, אדער אייער בויען א שוהל, אז איהר ווילט זיך נישט בעטייליגען מיט דעם כלל ישראל, בצרתן של ישראל. איהר טרויערט נישט, און וויינט נישט אויף דעם אומשולדיג פארגאסענעם אידיש בלוט, אמווייניגסטענס מיט א טרער ארום וואשען די הענד, און זאגען, ידינו לא שפכו את הדם הזה.

לאמיר האפען אז אהן אזעלכע אידען וועט אויך די אידישע נאציאן עקזיסטירען.

איך דאנק אייך און פאראויס מיט אכטונג,

ל. גאלדפארב

קעש'ס דזשועלערי סטאר

פון 145½ קווין סטריט וועסט

CASH OR CREDIT

לאזט וויסען, אז אלעם ווערט טייע באלד יום טוב, און ווי עס איז שוין הער מיט יעדען טאג האבען מיר פארברייטערט איין גרויסען סטאק דיימאנדס, אלע לייטעסט סטיילס און סעטינגס לאוועליערס. אוירינגען. רינגען אויך 14 קערעט גאלדענע וואטשעס. און קייטלאך אין פארשיעדענע סטיילס. לייכטער. פעטס סילווער אלעס באקומט איהר ביי אונז צו די אלטע פרייזען. פארשפּעטינגט ניט און קומט גלייך. וועט איהר איינשפּארען געלט.

אייער פריינט קעש

145½ קווין סט. וועסט

ווען איהר קויפט און ארטיקעל הערמאנט דעם „אידישען זשורנאל“..

אין דער מזרחי באוועגונג

א מזרחי קאנפערענץ אין לאנדאן

די טעג איז אין לאנדאן אפּגעהאלטען געווארען א מזרחי קאנפערענץ פון אלע מזרחי אגודות אין ענגלאנד, רבי דר. שיינפעלד, דער וויס פּרעזידענט פונ'ם ענגלישען מזרחי האט געעפענט די קאנפערענץ מיט א גלענצענדע רעדע איבער דער מזרחי באוועגונג אין ענגלאנד. די קאנפערענץ האבען אדרעסירט דר. ק. קעלער, פון הדסה מעדיקאל יוניט, און ה. פארבשטיין, דער אידישער דעפּוטאט אין פּוילישען סיים, דר. קעלער האט זיך אפּגעשטעלט אויף דער לאגע אין ארץ ישראל און האט אנגעוויזען, אז די איינציגע וויכטיגע ארבייט דארף איצט זיין דער חנוך, עס ווערט אנגענומען א באשלוס צו טעלעגראפירען דר. וויצמאן און אוסישקין, אז דער מזרחי איז גרייט זיי צו העלפען אין זייער פּאליטישער ארבייט און ציהט זייער אויפמערקזאמקייט אויף די נויטיגקיט צו לייזען די חנוך פראגע אין ארץ ישראל.

אויף דער צווייטער זיצונג, אונטערן פארזיץ פון טשיף ראבי דר. הערץ, איז באשלאסען געווארען, אז די מזרחים אין ענגלאנד באטייליגען זיך אין די זאמלונגען פאר'ן רעסטארעישאן פאנד, בתנאי, אז א געוויסער טייל פונ'ם געלד, געזאמעלט דורכ'ן מזרחי, זאל געהן פאר דעם טראדיציאנעלען חנוך אין ארץ ישראל.

אלס דעלעגאטען צו דער אלוועלטליכער מזרחי קאנפערענץ זיינען געוועהלט געווארען: רבי י. ל. אסטראנסקין (ליס), א. טשארני (בירמינגאם), רעוו. דימסאן און מר. ישיה.

נייע מזרחי אפיסעס אין ארץ ישראל

לויט ידיעות פון ארץ ישראל ארבייט דער צענטראלער אפיס פונ'ם דארטיגען מזרחי זעהר פלייסיג, דער אפיס איז איינגעטיילט אין די דריי דעפּארטמענטען: ארגאניזאציע, אונטער די לייטונג פון הרב י. ל. פישמאן; ישוב, י. ראדלער, פעלהמאן (ר' בנימין) און חנוך. אין דעם אפיס געפינט זיך דא א ספּעציעלע אפּטיילונג פון הצעיר־הארץ ישראל.

נייע אפיסעס זיינען געעפענט געווארען אין ירושלים, וואו עס איז אויך דער צענטער פון מרכז הנשים אונטער דער לייטונג פון מרס. א. זעלינגער די פרוי פונ'ם פארשטאהבענעם דר. זעלינגער) און אין טבריה אונטער דער לייטונג פון דוד שוב, דער גרינדער פון דער קאלאניע "ראש פנה". אין גיכען וועט אויך געעפענט ווערען אן אפיס אין יפה.

הצעיר הארץ ישראלי באשטעטיגט פון דער רעגירונג

די מזרחי יוגענד ארגאניזאציע אין ארץ ישראל, אינטערען נאמען: "הצעיר הארץ ישראלי", איז באשטעטיגט געווארען פון דער רעגירונג. דער צוועק פון דער ארגאניזאציע איז, צו פארשפרייטען דעם גערואנק פון ארבייט צווישען די ארץ ישראל'דיגע יונגע לייט און שאפען א מוסטער־טיפּ פון אידישע פועלים. די ארגאניזאציע וועט איצט קענען אנפיהרען איהר ארבייט מיט פארגרעסערטע כחות.

דר. בלוסטאן אין דענווער

דר. י. א. בלוסטאן, א מעמבער פון ועד המרכזי פון מזרחי, זייענדיג אין דענווער בעַן זיין איידעם ראבי דר. קאוואר, האט דארט געמאכט א שטארקע פּראפּאגאנדא פאר מזרחי, זיין ארט רעדען וועלכער איז דורכגענומען מיט'ן אידישען וויין, באטעמט מיט תורה ווערטער, האט זעהר אויסגענומען ביים דענווער עולם, א גרויסע צאהל נייע מעמבערס האבען זיך אנגעשלאסען אין מזרחי. עס איז אויך געשאפען געווארען א היבשע סומע פאר'ן רעסטארעישאן פאנד.

גאר ווי אין די אלטע צייטען

א טרויערדיגער אינצידענט האט זיך די טעג אפּגעשפּילט אין עלענוויל, נ. י. דער יונגער, באגאבטער מזרחי רעדנער, מר. יהודה גאהדאן, איז דארטגעקומען, אויף די איינלאדונג פון א דארטיגער קאמיטע מיט מר. מאנילאף בראש; רעדען וועגען מזרחי. איז אבער די מעשה ניט געפעלען געווארען דעם טשערמאן פון דארטיגען ציוניסטישען דיסטריקט א געוויסער מר. לעוויט און ער איז געקומען אין תלמוד תורה באוואפענט און ניט געלאזען רעדען דעם רעדנער. די חוצפה פונ'ם דיסטריקט טשערמאן האט אלעמען איפּגערעגט און עס האט אויסגעבראכען א גערשלעג.

מיינען טאקע די עלענווילער ציוניסטען, אז מיט אזעלכע "מיטלען" קען מען באקעמפען דעם מזרחי? אדער זיי האבען זיך פשוט פארבענקט נאך די "אלטע גוטע צייטען" פון די קליינע שטעטלעך אין רוסלאנד און אין פוילען?...

קוויטירונג

קאלעקטעט אויף א פדיון הבן ביי זחמן ראטה 110 בעלוויו עוו. $17.00 פאר פאמארענער מלחמה קרבנות. מרס. עטעל ראטה האט געבראכט דאס געלד צו דער קאמיטע. מיר באדאנקען די אלע מנדבים און דער קאמיטע.

9535)

HIPPODROME

די וואך פון דעצעמבער דעם 15-טען ספּעציעלע פּיטשור, — וויליאם פאקס פּרעזענטירט די טאלאנטפולע סטאר אין דער בעוואוסטער דראמא מעדליין טראווערס.

"דהי ספּלענדיד סען".

נאקאַע יאפּאנישע טרופּע, 'לעט'ס געט מעריד", העלען מילער, הארוועי און פראנסיז, טאמי וויטהערס, וואוד הארט און קאמפּאניע. פּעטה ספּעשעל קאמעדיע, פּעטהי פּאלאסק קאמעדיע.

וויכטיג פאר אלע
טאראנטאר אידען

היינט איז דער לעצטער טאג, ווען מיר מוזען לאזען וויסען דעם אפיס פון מאנטרעאל דעם נאמען פון אונזער קאמיסאר קיין אוקראינע, אין דערפאר האבען מיר דער אוקראינער פארבאנד באשלאסען צו האלטען

א מאסענפארזאמלונג
היינט אווענט
7.30 איז ציון האל

צו וועלכען אלע אוקראינער אידען קענען קומען און זיך באטייליגען אין דער ערוועהלונג. ווען אויך אייב אירגענד ווער פיהלט זיך פעהיג צו זיין א קאנדידאט אלס קאמיסאר, וועט ער געבעטען אריינצושיקען זיין אפּליקיישאן צו אונזער סעקרעטאר.

א. מ. ספּיין 186 דזשאן סטריט

אנטאריער אפּטיילונג פון אוקראינער פארבאנד.

נ. ב. לויט דער פאדערונג פון דער רעגירונג טאהרען די פארגעשלאגענע קאנדידאטען ניט זיין קיינע באלשעוויקעס, ניט האבען געפיהרט קיין סטרייקס, זיין לאיאל צו דער רעגירונג, ניט זיין קיין אנפיהרערס פון סאציאליסטישע פארטייען, אדער פאראיינען, מוז זיין א בירגער, טאהר ניט זיין קיין טיקעט אגענט, אדער א הענדלער פון שיפס - קארטען און ווערט־פאפּירען, אדער אירגענד וועלכע באשעפטיגונג וואס האט א שייכות מיט אימיגראציע.

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., LTD. —
251 - 253 Queen Street West Telephone Adelaide 3961
Subscription Rates $5.00 Per Year
Single Copy — 2 Cents
Entered as Second Class Mail Matter at C.P.O. Toronto Ontario
January 22nd. 1913

ווען עס פעהלט פארשטאנד

ווען עס פעהלט פארשטאנד, קען מען אפילו קיין גלאטע סענזאציע ניט מאכען, און אז מען טוט עס שוין יא, קומט עס ארויס אזוי אומגעלומפערט, אז דאס לעצטע ליגט אויבען אויף.

אויב די קאנאדער ענגלישע פרעסע לייזעט פיליכט ניט פון עם־הארצות איך אנדערע געביטען, זענען אבער זיכער פאר איהר א הארטער נוס רוסלאנד און די סאציאלע פראגע — די ביידע זאכען זענען גאר פאר איהר א רעטעניש.

האט נאך דער רעפארטער אדער דער „דעסקמאן" עטוואס פארשטאנד, דאן קומט עס נאך ארויס ניט אזוי האמטנע, פעהלט אבער אויס דער לעצטער אחטיקעל נו קומט דאן ארויס א מיש־מאש, וועלכער עקעלט פשוט אפ.

מען קען זיך אין די קאנאדער ענגלישע רעדאקציעס ניט צוקלייבען אין דער רוסישער פראגע בכלל ובפרט אין דעם רוסישען באלשעוויזם. באזונדערס בנוגע דעם לעצטען הערשט די גרעסטע עם הארצות, פאלט עס נאך אריין אין די הענט פון א מענשען מיט אביסעל מארך אין קאפ, דאן איז נאך צו דערליידען, גיט אבער דער רעדאקטאר דעם באפעהל צו א מענשען וואס איז ארים אין דעם סארט מאטעריאל, קומט עס ארויס אן אומגעלומפערקייט פון ערשטען סארט.

אט, האט די מאנטרעאלער טעגליכע צייטונג די „סטאר" געגעבען א באפעהל צו איינעם פון איהרע רעפארטערס, עפעס אויסצוגעפינען וועגען דעם באלשעוויזם, נו, נו, איז ארויסגעקומען אן ערפינדונג, וועלכע איז אזוי נאריש, אז עס איז אפשוטער רחמנות אויף'ן ארימען רעפארטער, וועלכער ארבייט געבאך פאר „ווידזשעס".

דער „סטאר" רעפארטער האט אויסגעפונען, אז מאנטרעאל איז דער צענטער פון די רויטע, און אז מען פלאנעוועט צו פריהלינג צו, איינצופיהרען אין קאנאדע א סאוויעט־רעגירונג. דער ארעמער רעפארטער ביי וועמען די פאנטאזיע האט זיך אזש צושפילעט, האט אויסגעפונען זעהר שרעקליכע זאכען וועגען דעם באלשעוויזם, וועלכען מען קלייבט זיך איינצופיהרען אין קאנאדע, און פארשטעהט זיך, אז שולדיג אין דעם אלעמען זענען נאר די אידען און די רוסען, וועלכע וואוינען אין מאנטרעאל, און די סענזאציע איז אזוי געפעלען די בעלי בתים פון דער „סטאר", אז מען האט עס אפילו צושיקט איבער די נייעס־דראטען איבערן גאנצען לאנד.

א נייעם צענטער פון באלשעוויזם, און א נייע מלוכה געהט איבער צו טראצקין און לענין, און אויסגעפונען האט עס ניט קיין קלענערע פערזאן ווי א רעפארטער פון דער מאנטרעאלער „סטאר".

ארעמער רעפארטער — אביסעלע פארשטאנד, און עס ראט דאך געקענט ארויסקומען א לייטישער „דזשאב".

פוילענס פראגרעס

אין אונזער נייעס אפטיילונג האבען מיר שוין איבערגעגעבען די געשיכטע מיט דעם ווארשאווער פראפעסאר שטשערבאק וועלכער האט אין דער אנוועזענהייט פון ענגלאנדס שליח ס. סעמיועלס אין א לעקציע באשטעטיגט דעם בלוט בלבול, וועלענדיג איפלעבען אין פוילען - די אלטע עלילת דם געשיכטע.

אין „דאס אידישע פאלק" פון ווארשא, וועלכעס מיר האבען נעכטען דערהאלטען באשרייבט דער פובליציסט א. ס. ליריק די לעקציע, און פון דיזער באשרייבונג איז צו זעהען אויך ווי ווייט פוילען פראגרעסירט אין הלכות אידען העצעס.

דערצעהלט א. ס. ליריק —

דער גרויסער וויסענשאפטסמאן פון פוילען האט מיט א רוהיגען געוויסען און מיט א זיכערקייט פון אן אמת'ן געלעהרטען פאר וועלכען עס עקזיסטירט נאר דער איינציגער אמת. דער אמת פון דער וויסענשאפט, געבלעטערט א דף איבער א דף, אויפגעדעקט פאר דעם עולם צוהערער די טיפע געהיימניסען פון תלמוד פון „רמבאם" (רמב"ם) פון „שולחן ארוך" פון עפעס א חכמת נסתר און דער עולם האט זיך געשלונגען יעדעס ווארט זיינס און פאר אלעמען איז קלאהר געווארען אז דער גרויסער פוילישער למדן שפירט זיך אין יודישקייט ווי ביי זיך אין דערהיים און ווייסט אזוי גענוי אלע אידישע געהיימניסען.

און דער געלעהרטער פראפעסאר, וואס האט פון דערווייטענס איינגעהילט אין דער הונקעלהייט אויסגעזעהען ווי א קליין שווארץ אינקוויזיטאר'ל. האט ווייטער פעסט און רוהיג דערצעהלט וויפיעל בלוט אידען (פארדאן: די געהיימניספולע אידישע סעקטע) האבען אויסגעזאפט ביי די קריסטען און וויפיעל אומשולדיגע קינדערשע נשמות זיינען דורך איהנען פארפייניגט געווארען. דער האלב פינסטערער זאל איז ווי אנגעפילט געווארען מיט גייסטער און שאטענס, אין דעם און דעם יאהר איז אין דעם און דעם דארף פלוצלונג פארשוואונדען געווארען א קריסטליך קינד ביי וועלכען מען האט אויסגעזאפט דאס גאנצע בלוט און ווען דאס געריכט האט שפעטער געפונען די שולדיגע און געוואלט זיי באשטראפען לויט דעם געזעץ זיינען פלוצלונג אלע ריכטער דורך א געהיימער האנד פערסמט געווארען, אין דעם און דעם יאהר האט א משומד, א געוועזענער רב מעיד געווען אז ווען ער איז א אינגעל געווען, האט ער אליין געזעהן ווי אזוי זיין פאטער און נאך א פאר פרומע אידען האבען גענומען א קריסטליך אינגעלע, ארויסגענומען ביי איהם לעבעדיגערהייד דאס הארץ און פון דעם פרישען בלוט אריינגעגאסען צו עטליכע טראפענס אין די בעכערס מיט וויין. דאס אלץ האט דער פוילישער למדן נאטירליך ניט אויסגעטראכט. פון קאפ, די אלע פאקטען האט ער בעקומען נאך גרויס מיה שטודירענדיג די שריפטען פון דעם בעריהמטען היסטאריקער דלוגאש און ארומזוכענדיג אין פערשידענע ארכיווען און דאקומענטען.

און טאמער איז אייך אויך דאס ניט גענוג איבערצייגענד בעוויזט אייך דער פראפעסאר א ליכט בילד, א קאפיע פון א בילד. וואס ער האט אויסגעזוכט אין קראקא. דער פראפעסאר איז מתרה אז דער קינסטלערישער ווערט פון דעם בילד איז ניט אזוי גרויס אבער א היסטארישער דאקומענט איז עס דאך, און אט זעהען מיר אידען מיט בערד און פאות, זיצען אזוי ערנסט און פערטיעפט און צוויי פון זיי האלטען מיט אזא מיסטישער מינע און אזוי בדפילו והחימוריג דעם קאפ פון א יונגקריסטליך קינד און אנטקעגען שטעהט א אידענע מיט א פאטשיילע אויף'ן קאפ מיט א פרומער מינע אויפן געזיכט און מיט א שיסעל אין האנד, אבווארטענדיג אויף דעם פרישען צאפעלדיגען בלוט פון קינד.

אזעלכע מעשיות דערצעהלט מען יעצט אין פוילען, און מען געפינט צוהערער.

פוילען געהט מיט ראשע טריט אויף'ן וועג פון דעם אלטען צאריזם. און אפשר איבערשטייגט זי איהם שוין.

דאס נייע קאנאדע און איהרע אויפגאבען

דער צווייטער ארטיקעל פון דער סעריע וואס ערשיינט אין "מעקליענס מעגעזין" פונ'ם באוואוסטען קאנאדער פובליציסט ראלף קאנאר.

אידיש פון י—י.

אין מיין ערשטען ארטיקעל האב איך אנגעוויזען, אז קאנאדע איז איצטער א טייל פון דער נייער וועלט — פון א וועלט וואס טראגט אויף זיך א נייע לאנד־קארט, מיט נייע שטאאטען מיט נייע נאציאנען. א וועלט מיט א נייעם געפיהל פאר אינטערנאציאנאלער גערעכטיגקייט. א נייע וועלט מיט א נייעם עהרען־בעגריף. א נייער געפיהל פאר געגענזייטיגער פאראנטווארטליכקייט און פארפליכטונג. א נייע וועלט וואס קומט צו א נייעם זעלבסט בעוואוסטזיין און א נייע מיינונגס סאלאדאריטעט אין דער ליגע פון נאציאנען.

בעד עס געפינען זיך נאך ליידער איינינע, וואס האבען ניט אנערקענט דיעזען פאקט. עס זיינען נאך זאגאר דא נאציאנען, וועלכע ווילען נאך פונ'ם פאקט ניט וויסען און זעצען פארט די זעלבע פאראנדקעס ווי פאר דער מלחמה.

עס איז שמערצליך צו באמערקען, אז אפילו די פאראייניגטע שטאאטען, וועלכע האט געשפיעלט אזא שעהנע און וויכטיגע ראלע אין דער מלחמה, און וועלכע איז געווען די פאהנען טרעגערין פון די נייע אידעאלען — אפילו אמעריקא איז יעצט ניט דאס וואס מען האט פון איהר דערווארטעט. עס איז אמת, אז שולדיג אין דעם איז פארטיי־פאליטיק, אבער מען דארף פארשטעהן, אז עס פאסט ניט פאר אזא גרויסע נאציאן ווי אמעריקא זיך צו שפיעלען מיט די הייליגסטע אינטערעסען פון דער מענשהייט. עס ווילט זיך גלויבען, אז אמעריקא וועט ראטיפיצירען די טריטי, וועט ענדליך ווערען א מיטגליעד אין דער נאציאנען־ליגע.

יא אין אינזער שכנה־רעפובליק, אזוי גוט ווי ביי אונז אין קענעדע געפינען זיך מענשען, וואס זוכען צו שלאגען פאליטישען קאפיטאל. עס איז אבער צו גלויבען, אז די דאזיגע מענשען וועלען ניט האבען קיין ערפאלג ניט אין די שטאאטען און ניט אין אמעריקא.

אין קאנאדע הערשט יעצט א נייער נאציאנאלער גייסט און אט אין דיעזען נייעם נאציאנאלען גייסט געפינט מען דריי עלעמענטען:

ערשטענס, א נייער נאציאנאלער שטאלץ. דאס איז ניט קיין נארישער „אתה בחרתנואיזם", ניט קיין פוסטע באריהמעריי נאר א געפיהל פון א פארשטארקטער זעלבסט־ווירדע באזירט אויף רעאליזירטע מעשים, א בעוואוסזיניגע שטארקייט, וואס איז ארויסגעוואקסען נאך א ביטערער ערפאהרונג, נאך א שווערען נסיון, — אן ערפאהרונג פון אן אייזערנעם געדולד און שטארקען אויסהאלט. קאנאדע איז היינט מיט זיך זיכערער ווי אירגענד ווען פריהער, און זי האט גענוג אורזאכען אזוי צו זיין. זי דארף בלויז געדענקען איפרע, וואו איהרע זיהן האבען — ווי דער בריטישער קאמאנדיר האט געזאגט — „געראטעוועט די בריטישע ארמיי". עס ציהט זיך פאר קאנאדע א גאנצע ליניע פון גלאריע, פון איפרע ביז צום סאם־טייך, און ווימי רידזש און פאשענדייל, און קאמברעי, און אמיען, און ווידער אמאל קאמברעי. אזוי לאנג ווי אט די דיעזע נעמען וועלען בלייבען אויף דער וועלט־מאפע, מעג קאנאדע אויף זיך קוקען מיט שטאלץ.

צווייטענס, אין דעם נייעם נאציאנאלען גייסט געפינט זיך א ליידענשאפט פאר פרייהייט. דיעזע ליידענשאפט איז נאך דערווייל מעהרסטענטייל א שטילע, אבער די ליידענשאפט איז דא, נאך א טאג אדער צוויי און אט די דאזיגע ליידענשאפט וועט געפינען אן אויסדרוק אין יעדען דעפארטמענט פון אונזער לעבען. אלטע פארטיי־פאראנדקעס, און אלטע פארטיי־באגריפען קענען מעהר ניט גילטען אין קאנאדע. די יעניגע וואס האבען דורכגעמאכט די „שבעה מדורי גיהנום" פון דער לעצטער מלחמה, וועלען פאדערען עטוואס מעהר ווי שעהנע צוזאגען און זיסע פארשפרעכונגען. זיי וועלען פאדערען רעאלע מעשים, אמת'ע פראבלעמען, אמת'ע שונאים צו באקעמפען און אמת'ע וועג־ווייזער וואס זאלען זיי פיהרען.

דער מאן, וואס וועט איצטער אגיטירען פאר א פארטיי בלויז דערפאר ווייל דאס איז די "גרענד אלד פארטי", וועט פון היינט אן און ווייטער מעהר ווי מיטלייד און רחמנות ניט ארויסרופען.

עס איז אין קאנאדע מעהר כמעט קיין פלאץ פאר פאנאטיזם, אין דער זעלבער צייט, זאל אבער קומען איינער מיט א ליידענשאפט צו דיענען זיין לאנד און מיט א בליק אויף זאכען, וואס קאנאדע דארף ווירקליך, און מיט א שכלדיגען פלאן, ווי אזוי די זאכען דורכצופיהרען — דאן וועט ער זיכער געפינען א סך נאכפאלגער.

דריטענס, דער נייער גייסט טראגט מיט זיך א ליידענשאפט פאר פארשטענדניש און יושר, אונזערע מענער זיינען געגאנגען קעמפען פאר גערעכטיגקייט און דיעזער פרינציפ פון גערעכטיגקייט מוז אנהויבען הערשען בין אדם להברו ביי אונז אין לאנד גופא. עס דארף ווערען קלאהר פאר אלע, וואס זוכען צו געניסען דעם פרידען און די "פראספערעטי" פון קאנאדע, אז דאס נאהענטסטע צו קאנאדעס הארץ היינט צו טאג איז: א ליידענשאפט צו אלעם וואס איז גערעכט און יושר'דיג.

און אט אין דיעזען נייעם נאציאנאלען גייסט, וואס ענטהאלט אין זיך א פארשטארקטען נאציאנאלען שטאלץ, א פארלאנג פאר רעאליטעט און ליידענשאפט פאר אלעם וואס איז יושר'דיג — דארפען זאכען געשטעלט און איבערגעשטעלט ווערען. געבוים און איבערגעבויט ווערען.

איינע פון די וויכטיגסטע זאכען וואס קאנאדע האט דורכצופיהרען קודם כל, איז סעטלען איהרע חובות, וואס באשטעהען פון איבער צוויי ביליאן דאלאר, דאס מיינט איבער $250 אויף דעם חשבון פון יעדען מאן, פרוי און קינד אין קאנאדע, דאס מיינט, אז קענעדע דארף צאהלען 120 מיליאן דאלאר א יאהר פראצענט, און דאס פאלט אויס 15 דאלאר א יאהר פער קאפ.

א גרויליכע משא ? ניין! עס איז בלויז אן ערענסטע לאסט, און אזא לאסט וואס דארף באזייטיגט ווערען, אום קאנאדע זאל קענען קוקען דער וועלט גלייך אין די אויגען. עס איז בלויז דא איין וועג, ווי אזוי קאנאדע קען צאהלען איהרע חובות און דאס איז דורך פראדוקציאן, און אום צו דערגרייכען א גרויסע פראדוקציאן, דארף מען ארבייטען. ארבייט איז די הויפט פליכט פון אלע קאנאדער היינט צו טאג. נעכטען איז דער צויבער־ווארט געווען קאמף, היינט — ארבייט. קאנאדע מוז אויסארבייטען איהר גליקליכע צוקונפט — דאס איז דער לאזונג פון היינט אין קאנאדע — דער לאזונג פאר גאנץ קאנאדע, פון ברעג צו ברעג — דער לאזונג פון אלע קלאסען קאנאדער:

ארבייט ! ארבייט! און ארבייט !

(שלום מארגען)

לאנדאן אלס א אידישער צענטער

פון לעא קעניג.

עס ווערט אלץ קלארער און בעשיינפערליכער, אז לאנדאן וועט גאר אין גיכען פערוואנדעלט ווערען אין א גרויסען אידישען צענטער, נישט ווייל אידען וועלען אנהויבען עמיגרירען אין גרויסע צאהלען קיין ענגלאנד, דאס האט שוין די ענגלישע רעגירונג דורך איהרע פערשיעדענע „עליען - בילס" און די היגע „געזעלשאפטליכע מיינונג" דורך דער פרעסע פערזארגט מיט צעהן שלעסער... און עס איז זיך נישט פארצושטעלען די נאהענטע צוקונפט זאל די שנאה צום פרעמדען פערוואנדלען אין א ליעבע...

לאנדאן, ווי ניו - יארק, וועט קיינמאל נישט ווערען אויך אין דעם זין פון א גרויסען אידישען ישוב.

און דער אידישער צענטער, אין וועלכען לאנדאן וועט פערוואנדעלט ווערען, וועט גיכער טראגען דעם כאראקטער פון א דיפלאמאטיש - אינפארמאטיווען מרכז.

דאס גרויסע אידישע אינפארמאציאנס - ביורא, אין וועלכער מיר נויטיגען זיך אזוי, אויב זי וועט אמאל געגרינדעט ווערען, וועט עס זיין אין לאנדאן.

און מכמה טעמים. ערשטענס, איז לאנדאן אינ'ם גאנג פון דער מלחמה צוליעב גוט בעקאנטע אורזאכען, געווארען דער צענטער פון דער ציוניסטישער דיפלאמאטיע.

דער דיפלאמאטיש - פאליטישער שיקזאל פון ציוניזם שמיעדט זיך אין לאנדאן. די ערשטע שטיינער צו א אידישער היים אין פאלעסטינא, ווערען אין לאנדאן פאברוצירט, יעדער איד, צי ער איז ציוניסטיש אדער נישט ציוניסטיש, אפטימיסטיש בנוגע ציוניזם אדער פעסימיסטיש, נאר אויף נייעס פון לאנדאן קוקט ער ארויס...

א טעלעגראמע, אדער א קארעספאנדענץ פון לאנדאן, איז איצט א וויכטיגער ארטיקעל פאר יעדער אידישער צייטונג, אין וועלכען עק פון דער וועלט זי זאל זיך נישט געפינען...

צי מען גלויבט, צי נישט אין דער באלפור - דעקלאראציע, אין ענגלישע הבטחות, נאר יעדער איד, גלויב איך, ווי סקעפטיש און גענגעריש ער זאל נישט זיין, האפט און קוקט דאך ארויס אויף'ן בעסטען פון לאנדאן.

נאך א זאך. די ציוניסטישע פאליטיק וועט אין גיכען מוזען פערוואנדעלט ווערען אין אן אלגעמיין אידישע...

און די ציוניסטישע פיהרער וועלען מוזען (איך אונטער'ן איינפלוס פון א קאנגרעס) פערוואנדעלט ווערען אין אידישע פיהרער...

צו זייער ארבייט פאר'ן לאנד וועט מוזען צוגעגעבען ווערען די ארבייט פאר'ן פאלק. און מען ווייסט אויך נישט, וועלכע פון די צוויי ארבייטען איז וויכטיגער אדער הייליגער...

דערצו וועלען די ציוניסטישע פיהרער געצוואונגען ווערען, אויב זיי וועלען עס, פון פארטייאישע אינטערעסען וועגען, אפילו נישט וועלען.

די ענגלישע רעגירונג, די הויפט - פידעל אין דער איצטיגער וועלט - פאליטיק, איז שוין געוואוינט צו בעטראכטען די ציוניסטישע פיהרער אלס פיהרער פונ'ם גאנצען פאלק (דאס איז, אגב, איינער פון די גרעסטע זיגען פאר דער ציוניסטישער פארטיי), און ווי צו אזעלכע וועט די ענגלישע פאליטיק זיך ווענדען להבא צו די ציוניסטען, אויב עס איז שוין נישט געשעהן ז'אנאר.

אויך „דער פעלקער - בונד", ווען ער וועט אנהויבען בעווייזען סימנים פון לעבען, וועט דורך דעם גרויסען ענגלישען איינפלוס אנהויבען פיליכט בעטראכטען די ציוניסטען אלס פארשטעהער פון אלע אידישע פראגען און אינטערעסען.

וועט שוין די לאנדאנער ציוניסטישע ביורא מוזען ווערען אן אלגעמיין אידישע.. און א סך ארטאדאקסאלע ציוניסטען וועלען זיך מוזען נעהמען צו טריף - פסול — צו די גלות - פראבלעמען. נאר דאס איז פארבייגעהענדיג.

נאר וואס עס מאכט נאך מעהר אפשר גלויבען, אז לאנדאן וועט אין גיכען ווערען א גרויסער אידישער מרכז, איז די געאגראפישע לאגע פון ענגלאנד.

לאנדאן איז דער גרויסער מיטעל - פונקט צווישען די צוויי גרעסטע אידישע צענטערען — רוסלאנד און אמעריקא. אין לאנדאן קען מען גיכער ווי אין אמעריקא הערען נייעס פון רוסלאנד און שנעלער ווי אין רוסלאנד קריגען גרוסען פון אמעריקא.

דאס לאנדאנער אידענטום וואלט געדארפט ווערען דער צעמענט, וואס זאל פעראייניגען אלע אונזערע נאציאנאלע היימען...

דאס אידישע נאציאנאלע בעוואוסטזיין קען נישט שטימען הערמיט דאס אמעריקאנער אידענטום זאל זיך אנדערש קולטורעל ענטוויקלען פונ'ם רוסישען, למשל, אדער פערקעהרט. אט די פערפרעמדקייט צווישען אידישע קהלות האט אונז שוין צופיעל געקאסט און דאס שעדליכע דערפון מוזען מיר להבא אויסמיידען.

און לאנדאן, גלויב איך, צוליעב די אלע איבערגעזאגטע רעיות, איז דערצו דאס בעסטע פלאץ, דער בעקוועמסטער פאליטישער און געאגראפישער צענטער.

מיר דארפען זיך לערנען פון די ענגלענדער, ווי זיי קאנען עס פון זייער קלייטעם איינזעל אכטונג געבען און רעגירען זייערע קאלאניעס איבער דער גאנצער וועלט.

און אונזערע אידישע קאלאניעס, קהלות און ישובים זענען דאך מעהר און צעווארפענער ווי ענגלאנד'ס...

און מיר נויטיגען זיך אפשר אויך מעהר אין איין גרויסען אינפארמאציאנען צענטער. אינפארמאציאנען — לכל הפחות.

(„די צייט" — לאנדאן).

דער ערד'ס פראקלאמאציע

(פאר וואס די ערד קוליעט זיך איבער מארגען, דעם זיבעצעגטען דעצעמבער, איבערגעלעזען און אפגעדרוקט א טאג פריהער, מען זאל עס נאך קענען איבערלעזען און זיך גרייטען אין וועג אריין.

פון ה. מ. קירשענבוים

די ערד.
נאוועמבער דעם 3-טען, 1919.

"פראקלאמאציע

צו אלע צוויי פיסיגע, און פיער פיסיגע לעבעדיגע באשעפעניש, וועלכע לעבען שוין, און פרוכטפערען זיך אויף מיין רוקען, ווי אויך צו אלע צוויי פיסיגע און פיער פיסיגע, וועלכע וועלען נאך געבוירען ווערען פון היינט אן ביז דעם זיבעצעגטען דעצעמבער אין דער פריה.

צו אלע פרויען, מענער, קינדער בהמות און חיות, אהן אונטערשיעד פון ראסע, קאליר, נאציאן אדער רעליגיע, סעקטע אדער פארטיי, רייך אדער ארים, געבוירענע אדער איינגעוואנדערטע, פריינט אדער שונאים, שווארץ אדער ווייס.

זייט וויסען, אז מיין באשלוס איז געפאסט, מיין פארשלאג איז אונטערשטיצט פון מיינע ברידער און שוועסטער, די בערג און די גרויבער, אז דעם זיבעצענטען דעצעמבער אין דער פריה, ווען איהר וועט זיך וועלען אויפהויבען, וועט דער אמאל צו טרעטען אויף מיר, שפייען אויף מיר, בויען אויף מיר אייערע הייזער וואו איך טוט אלעס, וועלכעס קען ניט געטען ווערען אויף דער גאס, אט דאמאלס ווען די הימלישע גאלדענע זון, וועט זיך באווייזען א גין־גאלדענע, מיט איהר עלעקטרישער שיין וועמענס קראפט קיין שטורם איז ניט אימשטאנד אפצושטעלען זאל איך מיר איבערגעבען אין דער זונ'ס הענט, און אויסהויבען מיין נשמה מיט איין דרעה, און אלעס וועט זיין קאפוט.

איהר אלע, וועלכע היט אזוי אייער יחוס, וועלכער קעמפט אזוי שטארק פאר ציוויליזאציע, וועלכע טיילט זיך אפ אום הם ישלום ניט צומישט ווערען, וועט זיך דעם פריה מארגען איבערקייקלען אויף דער אנדערער זייט, פון מיין פלייצע, וועלכע וועט דאמאלס ארויס, אויף דער ליבטיגער וועלט צו פארנעהמען מיין פלאץ.

איך די ערד גלויב מיט מיין פולען באוואוסטזיין, אז איך בין בארעכטיגט צו אזא שריט, איבערציגענט אזוי פארשטעה איך לויט מיין שכל, און אויב עס געפעהלט אייך ניט, דאמאלס זייט גרייט אריבער צו כאפען זיך אויפ'ן שטערען מארס. וואו די אסטראנאמיע פארזיכערט אייך א גליקליכע צוקונפט.

געקומען צו דעם באשלוס בין איך, לויט פאלגענדע אויסגערעכנטע פונקטען

— פונקט איינס —

וויפיעל איז דער שיעור צו ליגען ביי יעגעם אונטער די פיס. לאזען טרעטען אויף זיך, לאזען שניידען שטיקער פון דיינע זייטען, ארויסשלעפען זאמדען פון דיר אום אויסצוטרוקענען וואסערען, זיין אזוי געדולדיג און רינגען יעדען מענש, בהמה און חיה, איהר ציוויליזירטע פארשטעהט דאך, אז צו אלעם מוז נעהמען אן ענדע, פונקט ווי עס האט גענומען אן ענדע צו די קסרים, צו די רוסישע רובעלס, און צו די פוילישע מארקס, און פונקט ווי עס וועט נעהמען אן ענדע צו די קאלטשאקס און דעניקינ'ס וועלכע האבען אין א קורצע צייט מיר אריינגעלייגט, אזוי פיעל צוהארטעטע, ציקאליעטשעטע, און פארבלוטיגטע, אז דאס מוטער הארץ ווערט מיר צוריסען פון געוויין.

— פונקט צוויי —

זייט וויסען, אז דאס ביי אייך לעבעדיגע נפשות, ענטשטאנענע דער יחוס, פון מענש, בהמה און חיה, ווען איהר ווענט אלע ניט בעסער און ניט ערגער איינער פונ'ם צווייטען.

אמאהל — מיט יאהרען און יאהרען צוריק, ווען איך — בין איך געווען, געדענקט נאך מיינע מיידעלשע יאהרען, געפוצט און געשטאלצירט מיט מיינע פלאנצונגען, און איהר מענשען זענט געווען, בהמות זענען בהמות געווען, און חיות זענען חיות געווען, איז נאך געווען צו דערליידען.

איהר מענשען האט געלעבט צופריעדען, די בהמות זענען געווען צופריעדען, און די חיות ! —

האט זיך אמאהל פארגלוסט א חיה, צו באגעהן א מארד, האט מען גלייך א טויט אורטייל ארויסגעפיהרט, און די איבריגע האבען געציטערט.

היינט אבער — וואס איז פון אייך געווארען, איהר מענשען זענט האד אין ווילדע חיות פארוואנדעלט געווארען, איהר שטעהט און ווארט אויף אייער רויב, פונקט ווי מיט יאהרען צוריק דער הונגעריגער וואלף, אדער דער לייב.

איהר שעכט קוילעט, מארדעט, רויבט, רייסט שטיקער, ברענט טויטעט, אהן רחמנות, אהן רעכענונג, און וואו טוט איהר עס ! ?

— אלעס אויף מיין רוקען, אויף מיר.

אייערע ווילדע טריט מאכט איהר אויף מיר, אייערע פייערען ברענט איהר אויף מיין פנים, אייערע שאנד־טאטען, טוט איהר עפענטליך אהן שום בושה פאר מיר, אייערע קרבנות באגראבט איהר אין מיר.

און — ווייטער דאס הילדען איז איבער מיינע כוחות.

— פונקט דריי —

אמאהל זענען אויף מיינע בוימער פרוכטען געוואקסען, אויף מיינע פעלדער האבען תבואות געבליהט, אויף מיינע גראזען האבען יונגע פארליעבטע זיך אין די ארעמס איינגעשלאסען, זיך געהאלזט און געקושט, די שווערע הייזער וועלכע זענען אויף מיין רוקען געשטאנען, האבען געדינט פאר קונסט טעמפלען, און פלעצער, וואו גאט צו לויבען.

דעם בורא עולם, וועלכער האט מיר געגעבען כוח אייך אויסצוהאלטען.

וואס האט איהר אבער פון מיר געמאכט, וויגער און וועה איז מיר, ווען איך דערמאן זיך.

מיינע בוימער זענען אויסגעדארט געווארען, אנשטאט פירות איבער וועלכע מען האט א ברכה געמאכט. האט איהר טויטע קערפערס אויף זיי אויסגעהאנגען.

מיינע פעלדער האט איהר צוגראבען און צושאסען, געריסען שטיקער פון מיר יעדען טאג, די שווערסטע קוילען האט איהר דערצו באנוצט, אנשטאט תבואה, האט איהר "טרענטשעס" געמאכט. מיין געזיכט האט איהר צושטאכען און צובלוטיגט.

וועה איז צו דעם, וועמ'ער עס דערלעבט אזא עלטער.

די פארליעבטע, וועלכע האבען זיך געזעגענט מיט דעם געשמאק פון מיינע גראזען, האט איהר יונגערהייט, אין קאלטע קברים באגראבען, זיי דעם טויט געמאכט, און אין מיר אריינגעווארפען, איבעראל טראגען די גראזען יעצט דעם געשמאק פון מתים געשטאנק.

די גרויסע קונסט טעמפלען, די רייכע גאט'ס הייזער, האט איהר פארוויסטעט און פארניכטעט, געמאכט זיי פאר פלעצער וואו צו האלטען אייערע פערד, וואו צו זעטיגען אייער צורייצטע תאוה, מיט אונשולדיגע שוצלאזע פרויען און יונגע מיידלאך.

און צו דעם אלעם בלאזט איהר נאך פון זיך —

פיהרט איהר יעצט דעם ראסען קאמף שווארצע, ווייסע, פרעמדע, איינגעוואנדערטע.

— אויב נאכ'ן טויט בין איך גוט פאר אייך. פאר וואס טויג איך ניט ביים לעבען ?

— האב איך דען ווייניג פלאץ פאר אייך ?

אבער ניט האבענדיג מעהר קיין געדולד דאס אלעס צו צוקוקען און האלטענדיג אן עצה מיט מיר זעלבסט, וואס פאר א מיטלען אנצונעהמען, אום אייך איבערצייגען, אז אויסער אייך איז אויך נאך עפעס דא אויף דער וועלט.

האב איך באשטימט דעם זיבעצעגטען דעצעמבער ניינצעהן הונדערט און ניינצען, צו מאכען אן ענדע פון אזא טרויעריג לעבען, און אייך אלעמען ארונטער צו טרייסלען פון מיין רוקען.

זייענדיג זיכער אז מיין ציעל איז א ריכטיגער, און א גוטער, פארבלייב איך ביז צום באשטימטען דאטום,

אייער אונטער־פיסיגע
"ע ר ד"

(דאס קוסט דער רויטער זיגעל)

דר. ד. א. סיגעל
דענטיסט
קארנער דאנדעס סטריט און ספעדיינא עוו. אפיס טעלעפאן קאלעדזש 6073.

וואס טוט זיך אין דרום רוסלאנד ?

דער באקאנטער אידישער פארלעגער ב. שימין, וואס איז יעצט צוריקגעקומען פון אדעס קיין ווארשא גיט איבער אינ'ם ווארשעווער ,,מאמענט'' אינטערעסאנטע פרטים וועגען דעם אלגעמיינעם און אידישען לעבען אין דרום-רוסלאנד אין משך פון דער לעצטער צייט, פון וועלכער צייטונג מיר ענטנעהמען [גם. רעדאקציע.

— אדעס — הויבט ה. שימין אן זיין באריכט — איז די גליקליכסטע שטאדט אין גאנץ דרום - רוסלאנד, וואס האט דורכגעמאכט די שווערע קריזיסען פון לעצטען יאהר נישט בלויז אהן פאגראמען און אהן בלוט - פארגיסונגען, נאר — אויב מען קאן זיך אזוי אויסדריקען — מיט א געוויסער געמיטליכער שטימונג. אדעס איז א ריזיגע שטאדט מיט א באפעלקערונג פון די פארשיעדענסטע נאציאנאליטעטען און קלאסען, וואס איז געוועהנט געווען שטענדיג צו לעבען ,,א גוטען טאג''. דאס האט געבראכט דערצו, אז זי האט זיך זעהר לייכט צוגעפאסט צו יעדער נייער מאכט און מיט חניפות און הכנעה'דיגער התלהבות באלד ארויסבאקומען פון איהר אלע הנחות און הבטחות, וואס די דאזיגע מאכט איז אומשטאנד געווען צו געבען דער באפעלקערונג. אדעס האט קיינמאל נישט געפרובט זיך אנטקעגענשטעלען דער אדער יענער מאכט, נאר שטענדיג געזוכט מיט איהר חבר צו ווערען און אויסצונוצען זי אין אלע הינזיכטען. איז געקומען דער באלשעוויסטישער מחראזיאוו (נאך קערענסקי'ן), האט איהם אדעס אויפגענומען מיט התלהבות און זיך מיט איהם גאנץ געמיטליך איינגעארדענט. דאן זענען געקומען די דייטשען, האט מען זיך מיט זיי אויך געפרעהט און געלויבט אין הימעל אריין זייער זין פאר ארדנונג, וואס האט אריינגעבראכט א ניי לעבען אין דער געזעלשאפט און אין האנדעל. נאך די דייטשען קומט סקאראפאדסקי'ס אוקראינישע מאכט (ריכטיגער: אונמאכט) און די אדעסער פרעסע ווייזט אויף מיט אותות ומופתים, אז די אוקראינישע נאציאנאלע באוועגונג איז א בעדייטענדער פאקטאר אין אינטערנאציאנאלען לעבען און אז די בעוועגונג, וואס האט ארומגעכאפט ,,אלע שיכטען פון פאלק'', וועט ברייגען צו דער אויפבליהונג פון גאנצען דרום.

די דאזיגע נאציאנאליסטיש - אוקראינישע התלהבות ווערט, ווי מיט א כישוף - שטעקעלע, פארשוואונדען ווי נאר די שטאדט ווערט פארנומען פון די פריוויליגע בשותפות מיט דער קאאליציע. לכתחילה איז די שטימונג געווארען געוואלדיג געהויבען און אלע האבען ערווארט ישועות ונחמות פאר רוסלאנד פון דער מעכטיגער קאאליציע. באלד האבען אבער אנגעהויבען אויפלעבען די טראדיציעס פון די ,,אלטע גוטע צייטען'' און עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז די גאנצע באפעלקערונג, פון די עקסטרעמסטע סאציאליסטען ביז די מעסיג - רעכטע בירגערליכע עלעמענטען, האבען אנגעהויבען בענקען נאך די באלשעוויקעס.

נאר אט זענען די לעצטע געקומען. די גאנצע באפעלקערונג האט זיך זיי געווארפען אין די ארעמס און — איז אנטלאפען פון זיי מיט שוים אויף די ליפען! די ,,טשערעזוויטשייקעס'', דער ווילדער אומגעלומפעטער און אונמענשליכער טעראר דאס איבערגעבען די גאנצע שטאדט אין די הענד פון באקאנטע געפעהרליכע באנדיטען (מישקא יאפאנעץ א. א.) די הילפלאזיגקייט אין דער אדמיניסטראציע און דאס פארטרייבען און הערשטיקען יעדער שפור פון דעמאקראטיזם און עהרליכען סאציאליזם — האט ביסלאכווייז געבראכט די באלשעוויקעס צו אזא לאגע, אז זיי זענען פארבליבען מיט'ן ערגסטען מענשען - מאטעריאל און די בעסערע עלעמענטען זענען פון זיי אנטלאפען, ווי פאר ביסענע אייביגע שונאים.

די באלשעוויסטישע מאכט (ריכטיגער: די קאמפראמיטירונג פון דער באלשעוויסטישער מאכט) האט געדויערט דריי חדשים און געענדיגט האט זיך עס דערמיט, אז זיי האבען אנגעהויבען אויטאמאטיש פארלארען נישט בלויזדי מאכט, נאר אויך די סימפאטיע פון די לינקע עלעמענטען און ארבייטער - מאסען, אויף וועלכע זיי האבען געהאפט זיך צו שטיצען. אלע אידישע ארבייטער - פארטייען, וועלכע זענען געהאט איינגאנצען צוגעשטאנען צו די באלשעוויקעס (פון ,,בונד'' זענען נאר צוויי פערזאן געבליבען טריי דעם מענשעוויזם: דר. לוריא און דער באקאנטער פובליציסט פון ,,דיען'' און יעצט ,,אדעס. נאוואסטי'' קאנטאראוויטש), האבען זיך אבגערוקט אן א זייט: עס האבען זיך אנגעהויבען טעגליכע באנמען. צווישען די ארבייטער און דאן. דער גרויסער אויפשטאנד פון די פויערים און דייטשע קאלאניסטען ארום אדעס, וואס האט אינגאנצען אונטערגעגראבען די עקזיסטענץ פון דער באלשעוויסטישער מאכט. די דאזיגע מאכט איז אזוי צישוואמען און דעמאראליזירט געווארען, אז ווען דעניקין איז געקומען מיט א דעסאנט פון 300 פרייוויליגע, זענען די 20,000 ,,רויט - ארמייצעס'' פאר זיי זיך צולאפען אין משך פון עטליכע שעה — פארשטעהט זיך, מיט חרפות, אין איילעניש און שטיקעניש, איבערלאזענדיג אלץ אויף הפקר. א מאסע פון די באלשעוויסטישע פיהרער האבען נישט באוויזען צו אנטלויפען, און — אדעס האט ווידער אויפגענומען די ,,פרייוויליגע'' מיט בלומען און התלהבות. די דעמאקראטיש - סאציאליסטישע פרעסע (,,אדעס. נאוואסטי'', ,,יוזשני ראבאטשי'' א. א.) האט גערופען צו שטיצען דעניקין'ס פראגראם און דעם לאזונג פון דער פרייוויליגער ארמעע: ,,א איינהייטליך, נישט צוטיילט רוסלאנד''.

און דא האט זיך אנגעהויבען א קאשמאר פאר דער — גאנץ אונשולדיגער יוגענד. צעהנדליגער און הונדערטער ווערען פון זיי ארויסגעפיהרט הינטערן וואקזאל און דערשאסען אהן א שום דין ומשפט. ביז היינטיגען טאג זיצען אנ'ערך 2000 אידען אין דער ,,קאנטר - ראזוויעדקאן'' און פון זיי זענען 99 פראצענט אזעלכע, וואס האבען באמת צום באלשעוויזם קיין שום שייכות נישט געהאט, בעת די קריסטען טשעפעט מען לחלוטין נישט און מען איז זיי מוחל אלע געוועזענע חטאים. און דאס אלץ ווערט'אבגעטון אהן שום טענות און פראטעסטען פון וועמען עס איז פשוט דערפאר, ווייל די סאציאליסטישע פארטייען האבען אינגאנצען באנקראטירט און פארלארען יעדעם איינפלוס אויפ'ן געזעלשאפטליכען לעבען.

* * *

איצט אביסעל פאקטען און גרוסען: גענעראל דעניקין איז געווען אין אדעס און געהאט א קייזערליכע אויפנאהמע. צווישען די פארשיעדענע אינסטיטוציעס זענען איינגעלאדען געווארען אויך פארשטעהער פון דער אידישער קהלה. געגאנגען זענען אלס דעלעגירטע דער פארזיצענדער פון דער קהלה דר. מאהיליווער און דער פרעזידענט פון ציוניסטישען קאמיטעט, דר. שווארץ. דער ערשטער האט זיך געקלאגט פאר'ן גענעראל אויף די נגישות פון די פרייוויליגע געגען אידען און אויף דעם וואס די אידישע אפיצירען ווערען ארויסגעשטויסען פון דער פרייוויליגער ארמעע. דער גענעראל האט פארזיכערט, אז ער איז געגען אידישע פאגראמען, נאר צוגעגעבען, אז ער קאן גארנישט העלפען געגען דעם ,,אויסברוך פון פאלקס - צארן''. ער וועט פון זיין זייט אננעהמען אלע מיטלען געגען די ,,עקסצעסען'', נאר ער בעט די אידישע מנהיגים, זיי זאלען ווירקען אויף דער אידישער יוגענד און זי אפציהען פון באלשעוויזם.

די לעצטע טעג פאר מיין אפפאהרען איז קיין אדעס אנגעקומען א דעפעשע פון קיעוו, וואס האט אנגעזאגט די מרויעריגע בשורה וועגען א גאנצע רייהע פאגראמען פון דעניקין'ס ארמעע אין די אוקראינישע שטעדט און שטעדטלאך. אין קיעוו גופא האבען זיך צוזאמענגעקליבען איבער 20,000 היימלאזע פון דער גאנצער גובערניע. די דעפעשע בעט דרינגליך געלט און הויפטזעכליך — מלבושים. אין דעם באלד געגרינדעטען אדעסער קאמיטעט זענען אריין אלע אידישע שריפטשטעלער (ביאליק, ראווניצקי, ספעקטאר, קאנטאראוויטש, יושקעוויטש א. א.), ווי אויך באוואוסטע אידישע פינאנסיסטען און כלל - טוער.

דאס לעבען אין אדעס ווערט מיט יעדען טאג שווערער. נאכ'ן אריינקומען פון די פרייוויליגע איז אלץ געווארען ביליגער און עס זענען אנגעקומען מאסען סחורות פון אויסלאנד. איצט צוליעב דער נישט - זיכערקייט פון די וועגען מצד די ,,פעטליוראווצעס'' און מאכנא'ס באנדעס — זענען קער צופיהר און דער גאנצער באהן - פאהקעהר כמעט ווי אבגעשטעלט. קיין קויהלען איז אינגאנצען נישטא און האלץ איז שרעקליך טייער. צוליעב דעם מאנגעל וועלען קירצליך זיך מוזען צומאכען אלע פאלקס - שולען, מיטעל - שולען, די אוניווערזיטעט א. א. וו. א פוד האלץ קאסט יעצט 160 רובל און דער פרייז שטייגט כסדר. די פרייזען פון ברויט זענען צוגענגליכער: שווארץ — 6 רובל (אוקראיניש געלט) און ווייס — 9 ר. (דאס גערעטעניש אין אוקראינא איז דאס יאהר געווען געוואלדיג רייך). מילכיגס קאסט שרעקליך טייער: פוטער — 110 ר. א פונט, מילך — 35 ר. א קווארט, אייער 70 ר. א צעהנדליג, פלייש — 30—25 ר. א פונט. געוואלדיג טייער זענען מלבושים: דער ביליגסטער אנצוג — 6000 ר. א פאר שיך — פון 2 ביז 3 טויזענד ר. לייווענט איז גארנישט צו באקומען.

גלייך נאכ'ן אוועקגעהן פון די באלשעוויקעס האבען די ערשטע צוריק אויפגעלעבט די ציוניסטען. זיי האבען אנגעהויבען ווידער ארויסגעבען זייער אפיציעלען ארגאן ,,יעווריייסקאיא מיסל'', אונטער דער רעדאקציע פון דר. שווארץ (פארמאכט געווארען פון די באלשעוויקעס), וואס ווערט זעהר א סך געלייענט. די ציוניסטישע ארגאניזאציע פיהרט בכלל א ברייטע פאליטיש - געזעלשאפטליכע ארבייט און שטעהט אין קאנטאקט מיט די קאנסולאטען פון די קאאליציע - מלוכות, באזונדער פון ענגלאנד. וועגען רעגולירען די עמיגראציע קיין ארץ ישראל.

די טעג פאהרען אפ פון אדעס קיין ארץ ישראל 500 פערזאן, וועלכע זענען פאר דער מלחמה שוין דארט געווען. די ערלויבנייש פון דער ענגלישער מאכט איז אפיציעל געגעבען געווארען. דער אדעסער ציוניסטישער ארגאניזאציע און יעדערער מוז האבען א א באזונדער צייגניש פון פארזיצענדען דר. שווארץ.

פון די מעהר לינקע פארטייען זענען טיילווייז טעטיג בלויז די ,,צעירי-ציון''. זיי גיבען ארויס א אידישע וואכענבלאט ,,אונזער ווארט'' און פיהרען בכלל א ברייטע אגיטאציע - ארבייט אין דער אידישער גאס.

אדעס איז, ווי באקאנט, די נעסט פון העבעראיש : קיין אידישע ציטונג. קיין אידישער פארלאג זענען דארט קיין קיום נישט האבען, בעת די העבעראישע אייזנבאבען ווערען דארט גוט פארשפרייט און געהען טאקע ארויס דארט מעהר, ווי אין גאנץ פוילען, ליטא און רוסלאנד. אדעס האט אויך א גרויסע צאהל מעצענאטען, וואס גיבען אויס מיליאנען אויף ארויסציגעבען העבראישע ספרים. דער מיליאנער, הלל זלאטאפאלסקי, האט געגרינדעט א גרויסען פארלאג מיט אנ'אייגענער דרוקעריי אונטערן נאמען: ,,אמנות'' דער פארלאג האט שוין ארויסגעגעבען א גרויסען ליטעראריש - קינסטלערישען זאמעלביך ,,משואות'', אונטער דער רעדאקציע פון דר. מ. גליקסאן און מיט'ן אנטייל פון ח. נ. ביאליק, ש. אנ — סקי, הלל צייטלין, דר. י. קלויזנער, יעקב פיכמאן, דרויאנאוו, יש. צמח, א. שטיינמאן א. א. ,,אמנות'' גיט אויך ארויס אנדערע ספרים און פאלקס - ביכער.

א 2-טער פארלאג (מיט א גרויסען אקצ. קאפיטאל) ,,אריץ'' גרופירט ארום זיך די ,,רעוואלוציאנערען'' פון דער העברעאישער ליטעראטור מיט ש. צמח און א. שטיינמאן בראש. פון דעם פארלאג איז אויך ארויס א מאסף, אונטער דער רעדאקציע פון די בידעו.

די דאזיגע פארלאגען וואס האבען צוזאמען מיט ביאליק - ראווניצקי'ס ,,מוריה'' געארבייט באזונדער טיכטיג פאר'ן אריינגעהן פון די באלשעוויקעס, ווערען איצט איבערגעטראגען קיין ארץ ישראל. אין אדעס, ווי אין גאנץ אוקראינא בכלל, איז איצט אונמעגליך עפעס ארויסצוגעבען צוליעב שרעקליכען מאנגעל פון פאפיר און דעם יקרות פון דרוק-ארבייט. עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז א טעגליכע רוסישע ציטונג קאסט 5 רובל א נומער.

אין דעם טאג פון מיין אפפאהרען האב איך מיך געזעהען מיט די שריפטשטעלער ח. נ. ביאליק, ראווניצקי, מ. ספעקטאר, יש. צמח א. שטיינמאן, א. קאגאנאווסקי, ב. עפעלבוים און אנדערע. אלע האבען איבערגעגעבען די ווארימסטע גרוסען פאר די חברים אין ווארשא. דערביי [illegible]

די נייע מלכים

(א משעה'לע).

פון יחזקאל א. מ. בראנשטיין.

ביי די טייכען פון דעם זונען-לאנד פון זון, איז א טשערעדע פון שאף א גרויסע געווען, און די שאף האבען א פאסטוך א גרויסען געהאט...

דער פאסטוך איז פון דער נאטור זעהר א גוטער געווען און ווייל ער האט זיין סטאדע ליעב געהאט, האט ער איהר אויך אפגעהיט גוט, און די שאף האט קיינמאהל גארניט ניט געפעהלט.

איינמאהל, איז צום פאסטוך א מלאך צו חלום געקומען און האט איהם געזאגט ; דאס דער סוף פון זיינע טעג איז געקומען און ער מוז פארגעהן.. איז דער פאסטוך אין טרויער פארזונקען און לאנג געטראכט וועגען זיינע ליעבע, די שאף...

פארנאכט, ווען די זון איז אין מערב פארזונקען, האט ער די שאף זיינע צום לעצטען מאהל אין דארף אוועקגעפיהרט און דאן איז ער צו זיינעם א חבר אין דארף אוועק און צו איהם אזוי געזאגט : — דער סוף פון מיינע טעג איז ענדליך געקומען און איך מוז די וועלט פארלאזען... עס ווילט זיך מיר אפילו מיט מיינע שאף ניט שיידען, געגען דעם ווילען פון גאט קאן מען אבער ניט געהן... און איך מוז, איך מוז אין נאכט פארגעהן... בעפאר אבער איך געה, וויל איך מיינע שאף באזארגען, וויל איך מיט א פאסטוך זיי באזארגען... ווייל די שאף, דאס זיינען די קינדער פון גאט און איך זייער פאסטוך, דער שליח פון גאט.. און גאט האט מיר באפוילען ; דאס איך זאל די סטאדע מיינע מיט א פאסטוך א צווייטען באזארגען, בעפאר איך געה אוועק פון דער וועלט, אנדערש וואלט מיין ארבייט ניט געווען פארענדיגט און איך וואלט אין קבר רוהען ניט געקאנט... נא זשע דיר מיין שטעקען און נעהם איבער מיין דיענסט, ווער א פאסטוך פון מיינע שאף און זאל דיך גאט באגליקען אין דיין ארבייט...

דער פאסטוך האט זיין חבר דעם שטעקען און זיין טארבע איבערגעגעבען און מיט טרעהרען אין די אויגען האט דער לעצטער איהם געשוואוירען טריי אויפצופאסען אויף די שאף און דער פאסטוך איז מיט שטילע טריט אויף א הויכען בארג ארויף, פון וואנען ער האט זיך שוין קיינמאהל ניט אומגעקעהרט צוריק....

די שאף איז אין ווייזט אויס ניט שלעכט געווען אונטער דער פיהרערשאפט פון זייער נייעם פאסטוך און זיי האבען גיך אין זייער אלטען, טרייען פאסטוך פארגעסען, לאנג נאך איהם אפילו ניט געטרויערט.

און יאהרען און יאהרען זיינען אוועק און די פאסטוכער די נייע האבען זיך געהאלטען אין איין בייטען און בייטען, אזא אבער ווי דער ערשטער, האבען די שאף קיינמאהל ניט געהאט, אזא איז נאך ביז היינט צו טאג ניט געבוירען געווארען...

איינמאהל אין א זומער פארנאכט, האט זיך א גרויער וואלקען איבער דעם הימעל פארשפרייט און א מורא איז די שאף באפאלען... פון א דערביאינגע וואלד איז א מחנה רויבער אנגעקומען און די שאף באפאלען... די שאף זיינען מיט שרעק זיך צולאפען איבער דער גאנצער ברייט און לענג פון פעלד, און די רויבער האבען א סך פון זיי געפאנגען, אויף דעם פאסטוך האבען זיי געכאפט, זיין קאפ איהם אפגעשניטען, האבען זיי איהם אין א דערביאינגען טייך אריינגעווארפען און דאס גאנצע פעלד באהערשט.

א סך פון די שאף זיינען אין די סטעפעס פון דער נאהנטער ווייסטע אוועק, א סך האבען זייער רוה צווישען די בערג געפונען און אזוי זיינען זיי זיך די קליינינקע סטאדעס צעפאלען... און אצינד ערשט האבען זיי זיך אין זייער עלטסטען טרייען פאסטוך דערמאהנט, און ביטער זיין טויט, אצינד ערשט באקלאגט...

איינמאהל האבען די שאף וואס אין זונען - לאנד פון זון פארבליבען, זיך צוזאמענגערעדט און באשטימט, די רויבער, די פרעמדע, פון זיך צו פארטרייבען און אזוי איז דאס געשעהן.

אין א דערביאינגען טהאל זיינען אלע שאף פון דער אלטער פרוהעריגער סטאדע וואס האבען זיך אין זונען - לאנד געפונען צוזאמענגעקליבען, איינען פון זיי פאר א מלך אויסגעקליבען און די רויבער זייערע באפאלען, לאנגע צייט האבען זיי העלדיש געקעמפט, ביז ענדליך זיי האבען די רויבער באזיגט און א נייע פריי לעבען אנגעהויבען. א לאנגע צייט האבען זיי אין פרייהייט געלעבט, ביז א נייע מחנה רויבער איז זיי ווידער באפאלען און זיי אויך באזיגט.

און ווידער איז דאס רעשט פון דער סטאדע אין טרויער פארזונקען און ביטער געקרעכצט אונטער דעם יאך פון די נייע רויבער, שפעטער אבער האבען זיי זיך ווידער פאראייניגט און ווידער זייערע רויבער באזיגט.

אויף א ווייל האט זיך זיי געדוכט, דאס זיי האבען זיך שוין שוין באפרייט און זיך פריי באוועגען אנגעהויבען, [illegible] אויף די פיס זיך ניט געקענט שטעלען. און חרוב און וויסט איז דאס זונען - לאנד פון זון געווארען, צעזייהט און צושפרייט איז די אלטע גרויסע סטאדע געווארען, קיין פאסטוך קיין נייער איז שוין מעהר ניט אויפגעשטאנען און די שאף האבען זייער מוטה צו קעמפען פארלוירען...

און יאהרען און יאהרען זיינען ווידער אוועק, די שאף האבען זיך צוגעוואוינט פאשען אויף פרעמדע פעלדער און אזוי אין זייער איינען פעלד פארגעסען...

מיט אמאהל אבער האט א צווייטע סטאדע אויף די רויבער פון דעם זונען - לאנד פון זון זיך ארויפגעווארפען, און אין דער אלטער גוטער סטאדע האט זיך זייער שנאה צו זייערע רויבער אויפגעצופלאקערט, האבען זיי יד אחת מיט דער קעמפענדער סטאדע געמאכט און ווי לייבען אויף זייער שונא זיך ארויפגעווארפען, ביז ענדליך זיי האבען איהם בעזיעגט און מיט זיעגרייכער פרייט אויף זייער אלטען פעלד ארויף.

און ווידער איז איינער פון זיי אויפגעשטאנען און זיך פאר א מלך איבער דער אלטער סטאדע געוואלט ערקלעהרען, די שאף אבער האבען איהם גלייך ארונטערגעוואזט, זיי האבען פון קיין מלכים מעהר ניט געוואלט וויסען...

אוועק איז די צייט פון מלכים, — האבען זיי גע'טענה'ט — מלכים זיינען מיר איצט אלע, אצינד איז די צייט פון יעדער שאף זיך אליין צו רעגירען..

און זיי האבען ווידער אין רוה געלעבט, אונטער זייער אייגענעם הימעל, אזוי ווי אמאהל אין יענע גוטע צייטען פון זייער ערשטען גוטען טרייען פאסטוך וועמענס אנדענק זיי האבען ערשט אצינד באערט...

מוזען צום ערשטען מאכען שלום אין לאנד.

לאנדאן, דעצ. 15. — פרעמיער לאיד דושארדוש האט היינט ערקלעהרט פאר'ן הויז און קאמאנס דעם פאל וואס דושיימס א'גרידי, דער פארטרעטער אין קאפענהאגען האט זיך ענטזאגט אנצונעהמען שלום פארשלאגען פון דעם באלשעוויסטישען פארשטעהער. דער פרעמיער האט געזאגט, דאס די באלשעוויקעס מוזען צום ערשטען מאכען שלום [illegible]

BANK OF MONTREAL

עטאבלירט איבער 100 יאהר

$20,000,000 — — — אפגעצאהלטער קאפיטאל
20,000,000 — — — רעסט
550,000,000 — — איבער טאטאל אסעטס

געלד ווערגונגען קיין אייראפא

דיזע באנק האט אויסגעצייכענטע פאציליטיען צו שיקען געלד אין די היימשטעדט פון אייראפא. פאר ווייטערע אינפארמאציע ווענדעט זיך אין איינע פון אונזערע ברענטשעס.

אפיסעס אין טאראנטא

טאראנטא בראנטש — 32 יאנג סטריט
בענק און ביזנעס נאכט דעפאזיט — [illegible]
[illegible] — 49 יאנג סטריט
[illegible] — 680 קווין סטריט וועסט
[illegible] — 1293 בלור סט.
[illegible] — 488 יאנג סטריט
[illegible] — 697 דאנדאס סטריט
[illegible] — 1226 סט. קלער עוו. וועסט
[illegible] — 1211 קווין סט. וועסט
[illegible] — 577 קווין סט. וועסט
[illegible] — 711 קווין סט. איסט
[illegible] — 2224 קווין סט. איסט
[illegible] — 196-8 ראיס עוועניו
[illegible] — 2859 דאנדאס סטריט
[illegible] — יאנג סט.
[illegible] — 322 בלור סט. וועסט
[illegible] — 776 יאנג סטריט

IMPERIAL BANK
OF CANADA
עטאבלירט 1875

,,געלעגענהייט'' מיינט צו האבען קאפיטאל און זיין בכוחו צו אינוועסטען עס ווען די געלעגענהייט קומט.

צו באקומען קאפיטאל מוז איהר שפארען עטוואס געלט יעדע וואך און דאן ווען אייער געלט ארבייטען פאר אייך. מיר ווילען אייך העלפען שפארען — מיר צאהלען פראצענט האלב יעהרליך.

קאפיטאל אויטאריזירט — — $10,000,000.00
באצאהלטער קאפיטאל — — 7,000,000.00
רעזערוו פאנד — — — 7,500,000.00

פיער און פערציגסטער יעהרליכער באריכט
אפריל דעם 30-טען, 1919.

קווין סטריט און פאלמערסטאן עווענוי ברענטש.
ד. ג. ראי, — מענעדזשער.

היינט
דער קורס
פוילישע מארקס
1000 מארק — $13.50
פוילישע קראנען
1000 קראנען $10.00
די פרייזען זענען אין קאנאדער געלט

גוראפסקי
קאמפאניע
113 Queen St. West
Toronto
171 James St. N.
Hamilton
אפען אווענד ביז 8 אוהר
שבת ביז 9 אווענד
[illegible]

ניט אייער קינד א באשטימטע מאס יעדען טאג

אלע דאקטוירים זאגען דאס א וואקסענדיג קינד מוז האבען ניט ווייניגער פון א פיינט מילך א טאג. פיעלע באהויפטען א קווארט.

אבער זאגט איהר ניט אייערע קינדער א פיינט אדער א קווארט שפילט ניט אזא גרויסע ראלע ווי דאס וואס איהר דארפט זיי געבען יעדען טאג א באשטימטע מאס. ניט בלויז אביסעל אין א גלאז פון צייט צו צייט — ווען ,,עס בלייבט איבער'', נאר א געוויסע מאס א טאג און דוקא יעדען טאג.

נעהמט אן דיזען פלאן: קויפט יעדען טאג גענוג צו האבען צו די מאלצייטען, צום באקען און דערצו נאך צו געבען די קינדער.

ווארום מילך פאר קינדער איז א נוטזענדיג שפייז. מ'איז א קאנצענטרירטע נאהראפטקייט — זעהר אפט א באלאנסירטע פראפארציע — די שפייז עלעמענטען וואס ניבען [illegible]

[illegible]

באשטעלט גענוג מילך — ווארום דאס איז די ביליגסטע שפייז [illegible]

פאנגט אן היינט צו געבען א באשטימטע מאס מילך [illegible] יעדען טאג גענוג. [illegible]

טעלעפאנירט הילקרעסט 4400
אונזער וואגען וועט גרייכען אייך.

13 טיקעטס פאר $1.
THE FARMERS' DAIRY
שפארט אייך געלט
וואלמער ראוד און ברידזשמאן סטריטס

[illegible]

ראטיפיקיישאן מיטינג

אין

נעשאנעל טהעאטער

היינט 8 אזיגער

אין אווענט

וועט אין ניישאנעל טהעאטער אפגעהאלטען ווערען א מיטינג פון אלע מיטגליעדער פון דער קלאוקמאכער יוניאן מיט'ן צוועק צו ראטיפיצירען דעם אפמאך מיט דער מאנופעקטשורערס אססאסיאיישאן

בלויז מיטגלידער מיט ביכלאך וועלען אריינגעלאזען ווערען

אלע מוזען זיין אין צייט

ביי ארדער,
ש. קאלדאווסקי, מענעדזשער.

די היינטיגע רייטס פאר דרעפטס

קיין פוילען, גאליציען דייטשלאנד און רומעניען

זיינען ווי פאלגט

1000 פוילישע מארקס	$13.40	1000 פוילישע קראנען	$9.80
1000 רומענישע לעי	$33.00	1000 עסטרייכישע קראנען	$8.50
1000 דייטשע מארקס	$23.75		

טיקעטס פון פוילען, גאליציען, רומעניען און אנטווערפען

פון ראטערדאם

3-טער קלאס	$102.70
2-טער קלאס	$147.70

פון אנטווערפען

3-טער קלאס	$ 85.00
2-טער קלאס	$115.50



ZARZĄD POLSKIEJ POCZTY. ADMINISTRATION des POSTES de POLOGNE.

Numer nadawczy / Numéro du registre 3097 St. Chkh

Nr

Potwierdzenie wypłaty—Avis de payement

~~przekazu pocztowego~~ list wartościowy № 1000 w kwocie / du mandat № de la somme de

nadanego w urzędzie pocztowym w / émis par le bureau d' Warszawa dnia / le 29 IX

pod adresem / à l'adresse de M. Meilech Blumenfeld Iwaniska

Nazwisko i mieszkanie wysyłającego / Nom et domicile de l'envoyeur Dom Bankowy "Stanislas Lesser" Warszawa Miodowa 10

Podpisany poświadcza, że wykazaną kwotę należycie mu wypłacono w dn. / Le soussigné déclare que le mandat susindiqué lui a été dûment payé le 29 IX 1919

Naczelnik / le Ostonkowski urzędu pocztowego / des postes:

IWANISKA

Podpis / Signature Mejlich Blumenfeld

Joseph Blumenfeld 73 Murray St

Potwierdzenie podpisze wypłacający urząd pocztowy i wyszle pod kopertą najbliższą pocztą do urzędu nadawczego przekazu pocztowego.

Cet avis doit être signé par le bureau payeur, puis mis sous enveloppe et envoyé par le premier courrier au bureau d'origine du mandat qu'il concerne.

M. P. i T. 804. III. 1919.—50.000.

מיר האבען אינסטראקשאנס פוןביידע קאמפאניעס אנצונעמען פאסאזשירען פון פוילען, דורך ראטערדאם און אנטווערפען ריזע טיקעטס ווערען געשיקט דורך דער קאמפאניע צו די פאסאזשירען. אלע נויטיגע אפידייוויטס וואס ווערען געפאדערט פון די שיפס קאמפאניעס, ווערען געמאכט אין אונזער אפיס, ביי אינזער לאיער מר. מייער ראטענבערג.



Odsyłający:
Chaje Lichtman
Buksorowa

Rotenbergs Limited
2923

POCZTA 15 POLSKA

Pieniądze
dzisiaj dnie
14/X 1919 otrzy.
[illegible]

Czesk. bank Union
Filia
Sam Lichtman
30 Baldwin St

w BIELSKU.
Śląsk.

דאס זענען די ריכטיגע רעסיטס, וועלכע מיר האבען באקומען פון די פאסט אפיסעס אין פוילען, באשטעטיגענדיג די אונטערשריפט פון דעם אדרעסאט, און אז דאס געלט איז פון איהם ריכטיג ערהאלטען געווארען. מיר באקומען טעגליך פיעלע אזעלכע רעסיטס.

ROTENBERGS Limited Bankers

141 קווין סטריט וועסט — האמילטאן אפיס: 213 דזשיימס סטריט נארטה

וויכטיגע נייעס

צו אידישע לענדלארס און פייפער הענגערס.

אזוי ווי איך האב אריינגעקריגען פופציג טויזענט ראל, "וואל פייפער" וואס מוז פארקויפט ווערען ביליגער ווי פעקטארי פרייזען.

פייפער רעגולאר 10 ס. פאר 6 ס. פייפער רעגולאר, 15 ס. פאר 8 ס. פייפער רעגולאר, 20 ס. פאר 12½ ס. פייפער רעגולאר, 40 ס. פאר 25 ס. פייפער רעגולאר, 100 פאר. 25 ס.

אויך נעהם איך אן ארבייט מיט זעהר געוועהנליכע פרייזען. דאס אלעס קענט איהר קריגען

J. ROTTENBERG
591 Dundas W. Tel. Col. 4538

אורין
אויסער יסודות
קוירט אין
24 שטונדען
SANTAL CAPSULES MIDY
יעדע קאפסעל האט דעם נאמען MIDY
היט זיך פאר נאכגעמאכטע !

דער ווינטער קומט

פארגעסט ניט אז יעצט איז די צייט צו קויפען סטאווס.

קויפט דעם סטאוו, וועלכער ברענט גאז און קוילען.



קויפט דעם סטאוו וועלכען איהר זעהט דא.

שפארט געלט און ארבייט.

קומט צו

S. LEVINTER
360-362 Queen W.



ספעשעל בארגיינס אין עלעקטריק פיקסטשורס

6 רום הויז פון 10 פיקסטשורס פאר $17.75

און 7 רום הויז פיקסטשורס פאר $19.50

ספעשיל פרייזען פאר עלעקטריק לאמפען

עס ווערט געמאכט אלערליי עלעקטריק ווייערינג און רעפיירס.

טעלעפאן מעין 6367

649½ קווין סט. וועסט

די אנטעריא עלעקטריק ווייערינג און פיקטשורס קא.

ס. ניסענבאם פראפרייטאר

אפיס טעלעפאן מיין 5040
און מיין 5041
הויז טעלעפאן קאלעדזש 7009

י. וו. בראדי ב. א.

פון

האלים, ווילסאן און בראדי.

באריסטערס, סאליסיטארס, נאטאר יום א. א. וו.

געלט צו לייהען

506—8 טעמפעל בילדינג. טאראנטא.

קארנער רימשמאנד און בעי.

פערזיכערט אייער צוקונפט

און מאכט א גוטען אינוועסטמענט ביי ארויסנעהמענדיג א פאליסי פון די

מיוטשעל לייף אינש. קא.
אף ניו יארק

דיזע קאמפאניע האט לעצטען יאר געצאהלט פון 10 ביז 19 פראצענט דיווידענד צו איהרע פאליסי האלדערס

איך נעהם אן אלערהאנד אינשורינג זא ווי פייער, לייף, עקסידענט, פלייט גלאז, אויטאמאביל, בורגלארי און רייעט.

M. Brown 147 Seaton St.
Phone M. 2364

כשר ווארשט פעקטארי

בהכשר הרבנים הרב ר' יוסף וויינריב הרב ר' יעקב גארדאן

מיר זיינען די איינציגע וואס פאבריצירען אלע סארטען ווארשט און פליישען, בתכלית הכשרות, אונטער א שטרענגער רבנישער השגחה און מיט א שטענדיגען משגיח. לאזט אייך ניט נארען ! היט אונזער נאמען מיט די נעמען פון די רבנים און דעם משגיח אויף די לייבעלס. ארדערס ווערען געשיקט איבער גאנץ קענעדע.

Kosher Beef Products Co.
664 Richmond St. W.
M. Salkovitch Mgr.
Toronto, Ont.

LOEW'S

לאעו'ס יאנג סטריט טהעאטער

אונאונטערבראכען
12 מיטאג ביז 11 נאכמיטאג
נאכמיטאג 10 סענט. 15 סענט.
אווענד 10 סענט 15 ס. און 25

טעל. מיין 3600 — חיי פלאס וואדעוויל באקס סיטס רעזערווירט.

די וואך פון דעצעמבער דעם 15-טען

די וואונדערבארע קאמידיען

ויאלא דאנא אין „פליעז האט התונה"

עס ווערט דערצעהלט פון א קאמישען האנימון. עקסטרא ספעציעלע בילדער.— עס ווערט צום ערשטען מאל געוויזען דאס זינקען פון ברייטישע קאנאדער און אמעריקאנער שיפען פון דייטשע סובמארינס. — 6 האי קלאס וואדעוויל אקטען. די פארשטעלונג אין ווינטער גארדען וואו אלע סיטס זיינען רעזערווירט, איז די זעלבע ווי אין לאוס יאנג סט. טעאטער.

באקאנטמאכונג

פון דער פאמארינער רעליעף צו אלע פאמארינער לאנדסלייט ! דאס מיר אונטערשטיצען די אלע נויט באדערפטיגע וועלכע האבען געליטען פון דער מלחמה, און די יעניגע וועלכע האבען לעטערס פון פאמארין, זאלען זיך מעלדען צו דעם פאמארינער רעליעף וועלכער פארזאמעלט זיך

יעדען שבת נאכט 8 אזייגער אין טעראלי סטריט שוהל

ווי אויך ווערען געבעטען אלע סימפאטייזער צו נעהמען אן אנטייל אין דעם חנוכה פעסט וועלכער וועט שטאטפינדען

שבת חנוכה נאכט אין טעראלי סטריט שוהל 9 אזייגער

א הערליכע מלוה מלכה צום בענעפיט פאר די מלחמה ליידענדע.

די קאמיטע.

קויפט אייערע קוילען פון

יאנעווער בראדערס

וואו איהר בעקומט בלויז ראזשערס קוילען מיט ראזשערס טיקעט

268½ קווין סט. וועסט. טעלעפאן ערעלייד 3766.

לואיס מ. סינגער

לאיער און נאטארי פאבליק

קאמישיאנער פאר אלע פראווינצען פון קענעדע.

לאא אפיס 154 סימקא סטריט. טעלעפאן ערלייד 1440 טעלעפאן ערלייד 1441

וואוינונג 433 פאלמערסטאן בולווארד טעלעפאן קאלעדזש 4866

HOW TO BECOME A REAL MUSICIAN?

By taking lessons at Michael Angelo's music school Maestro Michael Angelo will guarantee you a sure success of becoming a real Violin, Mandolin, Cornet, Saxphone player or any other wind and String instruments, also the same Michael Angelo's patient of teaching children to play Violin is not to be compared with any other teachers. So be sure to telephone or come personally regarding your child's music education as Sig: Micnael Angelo is the only teacher that takes real interest in them, „and be aware of fakers"

Prof. Michael Angelo

Studio at Alhambra Hall 450 Spadina Ave. near College St
Tel. Col. 17

ספעשעל נאטיס צו אונזערע קאסטימערס

ארדערט קוילען יעצט און וארט נישט אויף דער לעצטער מינוט, ווייל שפעטער וועט איהר צאהלען דאבעל און ראצו זועט איהר נאך ניט קענען באקומען.

THE EATON COAL CO.
Phone Ad. 2696

איטאן קאהל קא.

אפיס 352 קווין וועסט טעל. ערד. 2696